קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## וישב-חנוכה

גליון י"ז - שנת תשפ"ד לפ"ק

• אידיש •

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

**עם זמירות לחנוכה בשילוב ד"ת ופתגמים וסיפורי צדיקים**

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון


יכולין להשאיר הודעה על הטעל.
845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com



מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

## זמירות לחנוכה - בשילוב דברי תורה ומאמרים

לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה. הריני מוכן ומזומן לקיים מצות הדלקת נר חנוכה כמו שתקנו לנו רז"ל. ויהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו, שתעלה עלינו כאילו נתכוונו בכל הכוונות הראויות לכוון. ויעלה לפניך מצות הדלקת נר חנוכה שלנו עם מצות הדלקת נר חנוכה של בניך היודעים והמכוונים בכל הכוונות הראויות לכוין. ובכח סגולת מצות הדלקת נר חנוכה, תזכנו לנו ולזרענו לנר מצוה ותורה אור. ויאירו ויושלמו רמ"ח אברי נפש רוח ונשמה. ותבנה בית המקדש במהרה בימינו, ושם נדליק המנורה ע"י כהניך הקדושים. וכשם שעשית נסים לאבותינו, כן עתה הושיענו וקבצנו והצילנו מן הגוים, להודות לשמך, להשתבח בתהלתך. אם לא בזכות, תעזור לנו ברחמים. וברחמיך הרבים תחפוץ בנו ותרצנו: ויהי נועם וגו'.

לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה בדחילו ורחימו. בשם כל ישראל. הריני בא לקיים מצות הדלקת נר חנוכה לתקן את שורשה במקום עליון. ויהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי. שיהיה עתה עת רצון לפניך. להיות עולה מצות הדלקת נר חנוכה, כאילו השגתי כל הסודות הנוראים אשר הם חתומים בה. ותעלה לפניך עם כוונות מעשה מצוה זאת הנעשית ע"י בני ידידיך המכוונים כל שמותיך הקדושים הראויים לבא בהדלקה זו המעלים יחוד וזיווג מדות הקדושות העליונות. ולהאיר בשכינת עוזך המאורות הגדולים. ומשם יושפע שפע לי אני עבדך לאור באור החיים. כי אתה תאיר נרי ה' אלהי יגיה חשכי. שלח אורך ואמתך המה ינחוני (פב"פ)

---

**אז איך זאל זען אין וואספארא חשכות איך בין...**

**ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי.** עס שטייט נישט 'יגיה החושך', נאר 'חשכי' - 'מיין חושך'. עס קען אפשר זיין די כונה אזוי. עס שטייט (קהלת ב, יג) **"יתרון האור מן החושך"** - די מעלה פון 'אור' קומט נאר ארויס פונעם 'חושך'. דאס הייסט, אז דוקא ווען א מענטש אנערקענט און ווייסט אז ער איז אין 'חושך', דעמאלט קוקט ער ארויס און האפט אז די ליכטיגקייט זאל אנקומען און אים אויפלייכטן, און דעמאלט האט די ליכטיגקייט א חשיבות ביי אים. אבער אויב א מענטש זעט נישט אז ער איז אין 'חושך', און עס דוכט זיך אים נאך, אז אלעס איז גוט און פיין, דעמאלט איז נישט שייך אז די ליכטיגקייט זאל אים עפעס העלפן. און דאס קען זיין דער טעם פארוואס מען צינדט דוקא אונטער צען טפחים. ווייל דארטן איז די אחיזה פון חיצונים, און דוקא דארט דארף מען זיך דערזען אין וואספארא פינסטערניש מען געפונט זיך, און דארטן באלייכטן.

ממילא, יעצט ווען מען גייט צינדן חנוכה לעכט, בעט מען קודם דעם אייבערשטן: **"ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי'**, העלף מיר, אז עס זאל מיר נתגלה ווערן 'מיין חשכות'! דאס גופא זאל דער חנוכה לעכטל אויפטון אז איך זאל זען קלאר וואו איך שטיי נעבעך אויף דער וועלט, אין אזא חשכות! און אז איך

ליראה ולאהבה את שמך. ללמוד וללמד את תורתך הקדושה. תורה שבכתב ותורה שבע"פ. בהתמדה גדולה ולכבוד שמך יתברך ויתעלה. ובכח סגולת נר חנוכה, תחכמנו באור תורתך, אנו וזרענו וזרע זרענו, ויקוים בי מקרא שכתוב: לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם. ויהיו זרעי וזרע זרעי תלמידי חכמים וחסידים, אהובים למעלה ונחמדים למטה, ותחזיק את לבבם לתורה ועבודה. הכל ברצונך הטוב. ואזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות באמת. גל עינינו ונביטה נפלאות מתורתך הקדושה לכוון לאמיתה של תורה וסודותיה. ובזכות מתתיהו כהן גדול ובניו, הראנו נפלאות, ובאורך נראה אור. וטהר את לבבנו לעבודתך. והרחיקנו ממידות רעות ומחשבות זרות. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים. בהעלותך את הנרות. ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות: יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי. ואני תפלתי לך ה' עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך: ויהי נועם וכו':

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר חֲנוּכָּה:

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ. בַּיָּמִים הָהֵם. בִּזְמַן הַזֶּה:

בליל א' מברך: בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ אָנוּ מַדְלִיקִין עַל הַנִּסִּים וְעַל הַנִּפְלָאוֹת וְעַל הַתְּשׁוּעוֹת וְעַל הַמִּלְחָמוֹת. שֶׁעָשִׂיתָ לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה עַל יְדֵי כֹּהֲנֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים. וְכָל מִצְוַת שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה. הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ קוֹדֶשׁ הֵם וְאֵין לָנוּ רְשׁוּת לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בָּהֶן. אֶלָּא לִרְאוֹתָם בִּלְבָד. כְּדֵי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל. עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעוֹתֶיךָ:

---

דארף א ישועה! און דערנאך בעט מען אויך: **"שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ"** - אז עס זאל אנקומען דער חנוכה לעכטל און מיר באלייכטן און ארויסנעמען פון דעם חשכות!.

**דורכן קוקן אויף די לעכט באקומט מען די השגה פון חנוכה**

**הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ קֹדֶשׁ הֵם וְאֵין לָנוּ רְשׁוּת לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בָּהֶם אֶלָּא לִרְאוֹתָם בִּלְבָד כְּדֵי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶךָ.** עס שטייט אין אלע ספרים גרויסע ענינים אויף דער ענין פון קוקן אויף די חנוכה לעכט; ווי דער עבודת ישראל (לחנוכה ד"ה אתה האל) זאגט, אז דאס הסתכלות אויף נרות חנוכה איז מתקן די ראיות אסורות פון א גאנץ יאר! עס קען זיין, אז דורכדעם וואס מען קוקט אויף די חנוכה לעכט, ווערט נתעורר די השגה און די אמונה אין די נסים וואס דער אייבערשטער האט אונז געטון; ווי דער ספר החינוך זאגט (מצוה טז), אז אלע מצוות מעשיות האט אין זיך א סגולה צו

מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי לְךָ נָאֶה לְשַׁבֵּחַ. תִּכּוֹן בֵּית תְּפִלָּתִי וְשָׁם תּוֹדָה נְזַבֵּחַ. לְעֵת תָּכִין מַטְבֵּחַ מִצָּר הַמְנַבֵּחַ. אָז אֶגְמוֹר בְּשִׁיר מִזְמוֹר חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ:

רָעוֹת שָׂבְעָה נַפְשִׁי בְּיָגוֹן כֹּחִי כִּלָּה. חַיַּי מֵרְרוּ בְּקוֹשִׁי בְּשִׁעְבּוּד מַלְכוּת עֶגְלָה. וּבְיָדוֹ הַגְּדוֹלָה הוֹצִיא אֶת הַסְּגֻלָּה. חֵיל פַּרְעֹה וְכָל זַרְעוֹ יָרְדוּ כְּאֶבֶן בִּמְצוּלָה:

דְּבִיר קָדְשׁוֹ הֱבִיאַנִי. וְגַם שָׁם לֹא שָׁקַטְתִּי. וּבָא נוֹגֵשׂ וְהִגְלַנִי. כִּי זָרִים עָבַדְתִּי. וְיֵין רַעַל מָסַכְתִּי כִּמְעַט שֶׁעָבַרְתִּי. קֵץ בָּבֶל זְרֻבָּבֶל לְקֵץ שִׁבְעִים נוֹשַׁעְתִּי:

כְּרוֹת קוֹמַת בְּרוֹשׁ בִּקֵּשׁ. אֲגָגִי בֶּן הַמְּדָתָא. וְנִהְיָתָה לוֹ לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ. וְגַאֲוָתוֹ נִשְׁבָּתָה. רֹאשׁ יְמִינִי נִשֵּׂאתָ. וְאוֹיֵב שְׁמוֹ מָחִיתָ. רֹב בָּנָיו וְקִנְיָנָיו עַל הָעֵץ תָּלִיתָ:

---

מעורר זיין די מדה און ענין אויף וואס דאס איז אוועקגעשטעלט. און דאס קוקן אויף די חנוכה לעכט ברענגט, אז דער מענטש זאל דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

אבער דאס איז נאר, אויב דאס קוקן אויף די חנוכה לעכט איז ריין פון 'אחיזת החיצונים', אבער אויב האבן זיי שוין דארט אן אחיזה- איז שוין שווער אז די הסתכלות בנרות, זאל ברענגען צו אזא השגה, אז מען זאל דורכדעם אנהייבן צו דאנקען דעם אייבערשטן. ממילא קען זיין, אז צוליב דעם האבן חז"ל גע'אסר'ט הנאה צו האבן פון נר חנוכה, ווי דער בני יששכר זאגט (מאמרי כסליו טבת ג, יד) אז א מצוה וואס האט א 'הנאת הגוף' קען גיכער זיין דערין אן 'אחיזת החיצונים', אז מען זאל נישט מיינען לשמה נאר 'לשם הנאה'. און וויבאלד נר חנוכה צינדט מען דאך 'למטה מעשרה' וואס דארטן איז נישטא קיין השראת השכינה (סוכה ה.), איז דאך פאראן א גרעסערע חשש פון 'אחיזת החיצונים', דערפאר האבן חז"ל גע'אסר'ט הנאה צו האבן דערפון, כדי עס זאל בלייבן ריין פון 'אחיזת החיצונים'.

דאס זאגט מען: "**הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ קֹדֶשׁ הֵם וְאֵין לָנוּ רְשׁוּת לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בָּהֶם**" - כדי די לעכט זאלן בלייבן הייליג, און זאלן נישט האבן קיין 'אחיזת החיצונים' - טארן מיר זיך נישט באנוצן דערמיט פאר 'הנאת הגוף', "**אֶלָּא לִרְאוֹתָם בִּלְבָד**" - די איינציגסטע זאך וואס מיר מעגן טון מיט די לעכט, איז נאר צו קוקן דערויף, ווייל איינמאל די לעכט וועלן זיין 'קודש' אָן קיין אחיזת החיצונים, וועט די הסתכלות דערויף ברענגען: "**כְּדֵי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶךָ**" - אז מיר וועלן באקומען א השגה אינעם נר חנוכה, צו שפירן די נסים און דאנקען דעם אייבערשטן דערויף.

יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי. אֲזַי בִּימֵי חַשְׁמַנִּים. וּפָרְצוּ חוֹמוֹת מִגְדָּלַי. וְטִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים. וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים. נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים. בְּנֵי בִינָה. יְמֵי שְׁמוֹנָה. קָבְעוּ שִׁיר וּרְנָנִים:

חֲשׂוֹף זְרוֹעַ קָדְשֶׁךָ. וְקָרֵב קֵץ הַיְשׁוּעָה. עֲשֵׂה נָא לְמַעַן שְׁמֶךָ. לִהְיוֹת לָנוּ תְּשׁוּעָה. כִּי אָרְכָה לָנוּ הַשָּׁעָה. וְאֵין קֵץ לִימֵי הָרָעָה. מְחֵה פֶּשַׁע וְגַם רֶשַׁע. הָקֵם לָנוּ רוֹעֶה שִׁבְעָה:

וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן: אֹמַר לַה' מַחְסִי וּמְצוּדָתִי אֱלֹהַי אֶבְטַח בּוֹ: כִּי הוּא יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ מִדֶּבֶר הַוּוֹת: בְּאֶבְרָתוֹ יָסֶךְ לָךְ וְתַחַת כְּנָפָיו תֶּחְסֶה צִנָּה וְסֹחֵרָה אֲמִתּוֹ: לֹא תִירָא מִפַּחַד לָיְלָה מֵחֵץ יָעוּף יוֹמָם: מִדֶּבֶר בָּאֹפֶל יַהֲלֹךְ מִקֶּטֶב יָשׁוּד צָהֳרָיִם: יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ

---

### דורכן מסירות נפש - איז געשען דער נס

**נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים.** די אידן ווערן דא אנגערופן דוקא מיטן נאמען 'שושנים' - רויזן. ווייל דער מדרש זאגט (ילקו"ש שה"ש ב, תתקפה): די שענסטע שושנים זענען די וועלכע וואקסן צווישן די דערנער; ווי עס שטייט (שיר השירים ב, ב): "כשושנה בין החוחים". עס קען זיין, אז דאס איז דערפאר וואס די דערנער צושטעכן איר, און פונדעסטוועגן לאזט זי זיך נישט אונטערברענגען - דערפאר וואקסט זי אויס אזא שיינע שושנה. קען זיין, אז די זעלבע זאך איז געווען ביי אידן אונטער די יוונים, וואס די יוונים האבן זיי געפייניגט און גע'רודפ'ט, אבער זיי האבן זיך נישט געלאזט פון זיי, נאר זיך געהאלטן פעסט ביי די תורה. און אין דעם זכות איז געשען דער נס חנוכה. דערפאר זאגט מען: "**נַעֲשָׂה נֵס**" - דאס וואס אידן האבן זוכה געווען צו אזא נס, איז געווען אינעם זכות פון "**לַשּׁוֹשַׁנִּים**" - דאס וואס זיי זענען געווען ווי די רויזן צווישן די דערנער, וואס זיי האבן זיך נישט געלאזט איבערערעדן פון די יוונים.

### יעדע נאכט א פרישער נס

**וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים.** די גמרא זאגט (שבת כא:): "**ולא מצאו אלא 'פך אחד' של שמן**" - מען האט געטראפן בלויז איין קריגל אויל. נו, אויב אזוי, וואלט לכאורה געדארפט שטיין 'ומנותר קנקן' א לשון יחיד, און נישט 'קנקנים' לשון רבים. אבער לויטן ערשטן תירוץ פונעם בית יוסף (סי' תע"ר), אז מען האט צוטיילט דעם קריגל אויף אכט חלקים, און יעדן טאג האט מען אנגעצינדן איין אכטל, שטימט זייער גוט דער לשון: "**וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים**" - פון דאס ביסל וואס עס איבערגעבליבן אין אלע אכט קריגלעך נאכן צוטיילן, "**נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים**" - איז געשען א נס, אז יעדעס קריגל האט געברענט א גאנצע נאכט.

לֹא יִגָּשׁ: רַק בְּעֵינֶיךָ תַבִּיט וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה: כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ: לֹא תְאֻנֶּה

---

**ריינע אויגן זעען שוין יעצט די גאולה העתידה**

**רַק בְּעֵינֶיךָ תַבִּיט וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה**". דער בני יששכר (מאמרי כסלו טבת ב, כא) ברענגט צו פון 'שלשה עדים נאמנים', אז אין די חנוכה לעכט שיינט דער 'אור הגנוז'. איינמאל א מענטש איז זוכה צום אור הגנוז, ווערט די גאנצע וועלט ווי א קליין וועלטל, און ער זעט שוין יעצט אלץ וואס וועט זיין לעתיד. און דעמאלט איז אים שוין נישט שווער די קושיא פון 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו', ווייל ער זעט שוין די עונשים וואס די רשעים וועלן נענש ווערן לעתיד. דאס זאגט מען: "**רַק בְּעֵינֶיךָ תַבִּיט**" - דו זאלסט נאר אריינקוקן אין די חנוכה לעכט, "**וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה**" - וועסטו שוין **יעצט** זען ווי די רשעים ווערן באשטראפט אויף יעדע עבירה זייערע. אבער דער פסוק איז מדגיש 'בעיניך', דאס איז נאר אויב די אויגן זענען טאקע **דיינע** אויגן און דו ביסט בעל הבית דערויף עס אפצוהיטן בקדושה, נאר מיט אזעלכע אויגן קען מען זען דעם אור הגנוז אין די חנוכה לעכט. דער זיידע רבי איציקל צפת'ער זצ"ל האט געזאגט: "צו זען אין די חנוכה לעכט וואס וועט זיך טון א גאנץ יאר, איז נישט קיין גרויסע זאך. מען דארף **נאר** האבן ריינע אויגן".

**ווי הויך ער איז - קוקט ער אבער אויף אונז**

**כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ**. די ספרים זענען מסביר, אז דער מחלוקת צווישן די חשמונאים מיט די יוונים, איז נישט געווען אויף 'מציאות השם', ווייל די יוונים האבן אויך געגלייבט אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, ווייל 'מציאות השם' איז א דבר שכלי. אבער זיי האבן געטענה'ט: "**כי רם ה'**" - דער אייבערשטער איז אזוי הויך, אז עס פאסט נישט פאר אים משגיח צו זיין אויף דער נידריגער וועלט, און דערפאר האט ער איבערגעגעבן די הנהגה פון דער וועלט פאר די 'מערכת השמים'. און מיט דעם האבן זיי געוואלט רחמנא ליצלן עוקר זיין די גאנצע תורה, ווייל: "אויב דער אייבערשטער איז אזוי הויך און קוקט נישט אויף דער וועלט, נו, פאר וועמען לערנסטו? צו וועמען דאווענסטו? פאר וועמען היטסטו די מצוות?" דאס איז געווען די קליפה פון די יוונים. אבער א איד גלייבט, אז ווי הויך דער אייבערשטער איז טאקע אָן קיין עק, דאך איז ער משגיח בהשגחה פרטיות אויף דער גאנצער וועלט.

די חשמונאים האבן געהאט א כח, אינגאנצן מבטל צו זיין די קליפה און

**אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ: כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ: עַל כַּפַּיִם יִשָּׂאוּנְךָ פֶּן תִּגֹּף בָּאֶבֶן רַגְלֶךָ: עַל שַׁחַל וָפֶתֶן תִּדְרֹךְ תִּרְמֹס כְּפִיר וְתַנִּין: כִּי בִי חָשַׁק וַאֲפַלְּטֵהוּ אֲשַׂגְּבֵהוּ כִּי יָדַע שְׁמִי: יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה אֲחַלְּצֵהוּ וַאֲכַבְּדֵהוּ: אֹרֶךְ יָמִים אַשְׂבִּיעֵהוּ וְאַרְאֵהוּ בִּישׁוּעָתִי:**
(ז"פ)

---

שיטה פון די יוונים. און דאס איז געווען דורך זייער מסירת נפש פאר תורה. ווייל דער זוהר הק' זאגט דאך (זוה"ק ח"ג עג.): "**אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא**" - די תורה איז איינס מיטן אייבערשטן. ממילא, וויאזוי קענסטו זאגן, אז דער אייבערשטער איז נישטא מיט אונז? דו זעסט דאך די תורה איז דא מיט אונז, נו, אויב אזוי איז דאך מוכרח אז דער אייבערשטער איז אויך מיט אונז! און דורכדעם האבן די חשמונאים באזיגט דעם 'קליפת יון', און נאכמער, זיי האבן אזוי ווייט אראפגעברענגט די שכינה צו אידן דא אונטן - אפילו אויף א פלאץ וואו עס איז ביז דעמאלט נישט געווען קיין השראת השכינה; ווי די גמרא זאגט (סוכה ה.): "מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה" - האבן זיי אפילו דארט ממשיך געווען די שכינה, מיטן נר חנוכה וואס מען צינדט למטה מעשרה. דאס הייסט אז ווי ווייט א איד איז געפאלן - איז נאכאלץ דא מיט אים השראת השכינה. אלעס, כדי צו ווייזן נאך שטארקער, אז עס איז יא 'כבודו להשגיח בתחתונים',

דאס זאגט מען דא צום אייבערשטן: כאטש דו ביסט טאקע "**עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ**" - דו ביסט הויך הויך עד אין סוף ברוך הוא, דאך "**כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי**" - קומסטו אראפ צו אונז און באשיצט אונז.

**עס טוט אים מער וויי 'כבוד שמים' ווי זיין צער**

**יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה אֲחַלְּצֵהוּ וַאֲכַבְּדֵהוּ.** דער ענין פון 'עמו אנכי בצרה' האט צוויי טייטשן: איינס, בשעת ווען א איד האט צער איז דער אייבערשטער כביכול אויך בצער. און צווייטנס, אז בשעת ווען דער איד איז אין א צרה, טוט אים מער וויי דעם אייבערשטנ'ס כבוד וועלכע ווערט נתחלל - דורכדעם וואס א איד איז אין א צרה - ווי זיין אייגענעם צער. און דאס זאגט דער פסוק: "**יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ**" - איך וועל אים העלפן פון דער צרה, ווייל "**עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה**" - ווי ביידע פירושים. און קעגן די צוויי בחינות פירט ער אויס מיט צוויי לשונות: "**אֲחַלְּצֵהוּ**" - איך וועל אים ראטעווען פון דער צרה. דאס איז צוליב דעם וואס איך האב א צער פון זיין צרה, "**וַאֲכַבְּדֵהוּ**" - און דערצו וועל איך אים נאך געבן כבוד אויך! וואס דאס איז שוין צוליב דעם צווייטן

**תהלים ס"ז**

**לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר שִׁיר: אֱלֹהִים יְחָנֵּנוּ וִיבָרְכֵנוּ יָאֵר פָּנָיו אִתָּנוּ סֶלָה: לָדַעַת בָּאָרֶץ דַּרְכֶּךָ בְּכָל גּוֹיִם יְשׁוּעָתֶךָ: יוֹדוּךָ עַמִּים אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם: יִשְׂמְחוּ וִירַנְּנוּ לְאֻמִּים כִּי תִשְׁפֹּט עַמִּים מִישׁוֹר וּלְאֻמִּים בָּאָרֶץ תַּנְחֵם סֶלָה: יוֹדוּךָ עַמִּים אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם: אֶרֶץ נָתְנָה יְבוּלָהּ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ: יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים וְיִירְאוּ אֹתוֹ כָּל אַפְסֵי אָרֶץ:**

**אָנָּא בְּכֹחַ גְּדֻלַּת יְמִינְךָ תַּתִּיר צְרוּרָה.** (אב"ג ית"ץ):
**קַבֵּל רִנַּת עַמְּךָ שַׂגְּבֵנוּ טַהֲרֵנוּ נוֹרָא.** (קר"ע שט"ן):
**נָא גִבּוֹר דּוֹרְשֵׁי יִחוּדְךָ כְּבָבַת שָׁמְרֵם.** (נג"ד יכ"ש):
**בָּרְכֵם טַהֲרֵם רַחֲמֵי צִדְקָתְךָ תָּמִיד גָּמְלֵם.** (בט"ר צת"ג):
**חֲסִין קָדוֹשׁ בְּרוֹב טוּבְךָ נַהֵל עֲדָתֶךָ.** (חק"ב טנ"ע):
**יָחִיד גֵּאֶה לְעַמְּךָ פְּנֵה זוֹכְרֵי קְדֻשָּׁתֶךָ.** (יג"ל פז"ק):
**שַׁוְעָתֵנוּ קַבֵּל וּשְׁמַע צַעֲקָתֵנוּ יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת.** (שק"ו צי"ת): בלחש: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

---

פשט, אז וויבאלד ער איז מער חושש אויף מיין כבוד - ווי אויף זיין אייגענעם וויטאג, דעריבער וועל איך אים צוריק צאלן באותה מדה, און 'אים' מכבד זיין.

**דיין 'גאות' קומט דורך די פשוט'ע אידן**

**יָחִיד גֵּאֶה לְעַמְּךָ פְּנֵה.** דו ביסט א '**גֵּאֶה**', דו ביסט זייער דערהויבן. אבער וויאזוי ווערסטו דען דערהויבן?! ווער מאכט דיר הויך?! דער כלל ישראל וואס זיי רופן דיר אָן '**גֵּאֶה**'! נו, קומט אויס, אז דיין דערהויבנקייט קומט אפילו פון די פשוט'ע צובראכענע אידעלעך - וועלכע זענען א בחינה פון 'עמך'. דעריבער בעט מען: "**לְעַמְּךָ פְּנֵה**" - העלף דיין פאלק, אפילו די וועלכע זענען אין א נידריגע מדרגה פון 'עמך', ווייל אויך זיי געבן צו צו דיין דערהויבנקייט.

**מען דארף שרייען און שרייען ביז מען וועט עס מיינען אמת'דיג**

**שַׁוְעָתֵנוּ קַבֵּל וּשְׁמַע צַעֲקָתֵנוּ יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת.** 'שועה' איז א לשון פון א געבעט, וואס איינער וויל באמת זיין אן ערליכער איד, און ער בעט זיך ביים אייבערשטן, אבער 'צעקה' איז א לשון פון שרייען, וואס איינער שרייט צום אייבערשטן, אז ער וואלט **געוואלט וועלן** זיין אן ערליכער איד, עס איז נאכנישט מיט קיין אמת'ן רצון, אבער עס איז אויך חשוב. ווייל א איד דארף זיין גרייט צו שרייען און שרייען, ביז עס וועט אים ליכטיג ווערן; ווי דער נועם אלימלך זאגט (פרשת וישלח ד"ה וישלח): "**וכבר צוח אנא השם ונשמע קולו**", 'וכבר' מיינט א לאנגע צייט. זאגט ער: מען דארף לאנג שרייען 'אנא השם', ביז דער

אייבערשטער הערט אים אויס און העלפט אים!

אבער לכאורה זאגט מען דאך דא פריער: "**יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ**" - אז ווי נאר מען שרייט צום אייבערשטן, ווערט מען באלד געהאלפן, און אזוי שטייט אויך אין פסוק (תהלים קמה, יח): "**קרוב ה' לכל קוראיו**", און ווי מען זאגט ביים דאווענען: "כי אתה שומע תפלת כל פה", נו וויאזוי שטימט דאס מיט דעם וואס דער נועם אלימלך זאגט, אז א מענטש דארף אסאך שרייען ביז ער ווערט אויסגעהערט?

נאר דער פשט איז, דער אייבערשטער וואַרט עס זאל ארויסקומען די ריינע נקודה פון א איד, ווייל ביים אייבערשטן איז דער עיקר דער 'אמת'. און ער איז א '**יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת**', און ער ווייסט ווען מען מיינט עס אמת'דיג און ווען נישט. אבער איינמאל אז דער אייבערשטער העלפט, אז א איד איז זוכה ארויסצוגעבן אן אמת'דיגע תנועה - ווערט עס באלד אנגענומען! און אויף די אמת'דיגע קרעכץ שטייט "**יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ**", און "**קרוב ה' לכל קוראיו**". אבער צו דעם דארף מען אסאך שרייען 'אנא השם', ביז דער אייבערשטער העלפט אז עס קומט ארויס אן אמת'דיגע קרעכץ. ווייל א מענטש קען אסאך שרייען און ער קען אסאך וויינען, אבער ער ווייסט אליינס נישט צי עס איז אמת'דיג, נאר דער אייבערשטער אליינס איז א '**יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת**', און ער ווייסט צו דאס איז אן אמת'ער געשריי און אן אמת'ער געוויין.

דערפאר זאגט מען אין סליחות: "**שתשים דמעותינו בנאדך להיות**" - לייג אריין אונזערע טרערן אין דיין קריגעלע. דאס הייסט, א מענטש פארלאזט אסאך טרערן, אבער נישט יעדער טרער גייט אריין אינעם אייבערשטנ'ס קריגל, נאר דער אמת'ער טרער - דאס גייט דארט אריין. דערפאר בעט מען דעם אייבערשטן: "פון צווישן אלע טרערן - נעם ארויס איין טרער, וואס דו זעסט אז עס איז אמת'דיג, און לייג דאס אריין אין דיין קריגעלע!".

אבער א מענטש טאר נישט צוליב דעם זיך אפהאלטן פון דאווענען און שרייען צום אייבערשטן, נאר פארקערט, דוקא דורכדעם וואס ער וועט מקיים זיין דעם 'וכבר צוח אנא השם', וואס ער וועט אסאך שרייען צום אייבערשטן, דורכדעם וועט דער אייבערשטער אים צושיקן אן אמת'דיגע תפלה.

אזוי אויך נאכן דאווענען, דארף נישט א מענטש צוריק טראכטן צי ער האט געדאווענט אן אמת'דיגע דאווענען. ווייל א מענטש קען דאס באמת גארנישט וויסן, נאר דער 'יודע תעלומות' ווייסט דאס. א מענטש דארף זיך האלטן ווי

### תהלים ל'

מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד: אֲרוֹמִמְךָ ה' כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי: יְהוָה אֱלֹהָי שִׁוַּעְתִּי אֵלֶיךָ וַתִּרְפָּאֵנִי: יְהוָה הֶעֱלִיתָ מִן שְׁאוֹל נַפְשִׁי חִיִּיתַנִי מִיָּרְדִי בוֹר: זַמְּרוּ לַיהוָה חֲסִידָיו וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ: כִּי רֶגַע בְּאַפּוֹ חַיִּים בִּרְצוֹנוֹ בָּעֶרֶב יָלִין בֶּכִי וְלַבֹּקֶר רִנָּה: וַאֲנִי אָמַרְתִּי בְשַׁלְוִי בַּל אֶמּוֹט לְעוֹלָם: יְהוָה בִּרְצוֹנְךָ הֶעֱמַדְתָּה לְהַרְרִי עֹז הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ הָיִיתִי נִבְהָל: אֵלֶיךָ יְהוָה אֶקְרָא וְאֶל אֲדֹנָי אֶתְחַנָּן: מַה בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל שָׁחַת הֲיוֹדְךָ עָפָר הֲיַגִּיד אֲמִתֶּךָ: שְׁמַע ה' וְחָנֵּנִי ה' הֱיֵה עֹזֵר לִי: הָפַכְתָּ מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי פִּתַּחְתָּ שַׂקִּי וַתְּאַזְּרֵנִי שִׂמְחָה: לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם יְהוָה אֱלֹהַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ:

---

א 'בינוני' (קידושים מ:) און האָפן אז ער האט גוט געדאוונט; ווי שלמה המלך האט געבעטן: "**ויהיו דברי אלה אשר התחננתי לפני ה' קרובים אל ה'**" - די תפלה וואס איך האב היינט געבעטן זאל ווערן אנגענומען ביים אייבערשטן. ער האלט שוין נאכן דאווענען, און ער האלט אין איין בעטן ווייטער אז עס זאל זיין אנגענומען!

דערפאר זאגט מען: "**שַׁוְעָתֵנוּ קַבֵּל**" - ווען עס וועט אנקומען אונזער 'שועה', וואס דאס איז דער אמת'דיגער קרעכץ, זאלסטו עס אננעמען, ווייל "**וּשְׁמַע צַעֲקָתֵנוּ**" - הער ווי מיר שרייען שוין 'אנא השם' אזוי לאנג, און עס איז שוין צייט אז דו זאלסט אונז אריינגעבן אן אמת'ער קרעכץ. פירט מען אויס: "**יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת**" נאר דו ווייסט וואס עס ליגט באהאלטן אין יעדע קרעכץ פון א איד און וועלכע קרעכץ איז אמת'דיג.

#### פון אונז נידריגע מענטשן ווערט 'התרוממות קרן הקדושה'

**אֲרוֹמִמְךָ ה' כִּי דִלִּיתָנִי.** אידן פרייען זיך און דאנקען דעם אייבערשטן: "**אֲרוֹמִמְךָ ה'**" - איך בין דער וועלכער האט די זכיה, דיר כביכול אויפצוהייבן! כאטש עס איז "**כִּי דִלִּיתָנִי**" - איך בין א 'דל ואביון', איך בין גארנישט, דאך ווערסטו דערהויבן דורך מיר און דו האסט נחת פון מיר. און דערפאר צינדט מען יעצט 'למטה מעשרה', צו ווייזן, אז אפילו פון מענטשן וואס זענען אין אזא נידריג פלאץ, קען דורך זיי אויפשיינען אזא הויכער אור ווי דער 'אור' פון חנוכה.

#### דער עיקר ישועה: זיך פרייען אז איך בין א איד

**ה' הֱיֵה עֹזֵר לִי הָפַכְתָּ מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי פִּתַּחְתָּ שַׂקִּי וַתְּאַזְּרֵנִי שִׂמְחָה וגו' ה' אֱלֹקַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ.** ער הייבט אָן מיט א תפלה: "**ה' הֱיֵה עֹזֵר לִי**" - העלף מיר. נו, וואלט מען געקענט מיינען אז ער וועט אויספירן, אז דער אייבערשטער

**תהלים קל"ג**

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד. כַּשֶּׁמֶן הַטּוֹב עַל הָרֹאשׁ יֹרֵד עַל הַזָּקָן זְקַן אַהֲרֹן שֶׁיֹּרֵד עַל פִּי מִדּוֹתָיו. כְּטַל חֶרְמוֹן שֶׁיֹּרֵד עַל הַרְרֵי צִיּוֹן כִּי שָׁם צִוָּה יְהוָה אֶת הַבְּרָכָה חַיִּים עַד הָעוֹלָם.

**תהלים ל"ג**

רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיהוָה לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה. הוֹדוּ לַיהוָה בְּכִנּוֹר בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ לוֹ. שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ נַגֵּן בִּתְרוּעָה. כִּי יָשָׁר דְּבַר יְהוָה וְכָל מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה. אֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט חֶסֶד יְהוָה מָלְאָה הָאָרֶץ. בִּדְבַר יְהוָה שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם. כֹּנֵס כַּנֵּד מֵי הַיָּם נֹתֵן בְּאֹצָרוֹת תְּהוֹמוֹת. יִירְאוּ מֵיְהוָה כָּל הָאָרֶץ מִמֶּנּוּ יָגוּרוּ כָּל יֹשְׁבֵי תֵבֵל. כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי הוּא צִוָּה וַיַּעֲמֹד. יְהוָה הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת עַמִּים. עֲצַת ה' לְעוֹלָם תַּעֲמֹד מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר וָדֹר. אַשְׁרֵי הַגּוֹי אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהָיו הָעָם בָּחַר לְנַחֲלָה לוֹ. מִשָּׁמַיִם הִבִּיט יְהוָה רָאָה אֶת כָּל בְּנֵי הָאָדָם. מִמְּכוֹן שִׁבְתּוֹ הִשְׁגִּיחַ אֶל כָּל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ. הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם. אֵין הַמֶּלֶךְ נוֹשָׁע בְּרָב חָיִל גִּבּוֹר לֹא יִנָּצֵל בְּרָב כֹּחַ. שֶׁקֶר הַסּוּס לִתְשׁוּעָה וּבְרֹב חֵילוֹ לֹא יְמַלֵּט. הִנֵּה עֵין יְהוָה אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ. לְהַצִּיל מִמָּוֶת נַפְשָׁם וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב. נַפְשֵׁנוּ חִכְּתָה לַיהוָה עֶזְרֵנוּ וּמָגִנֵּנוּ הוּא. כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ. יְהִי חַסְדְּךָ יְהוָה עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ.

## תמניא אפי

**תהלים קי"ט**

אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת יְהוָה. אַשְׁרֵי נֹצְרֵי עֵדֹתָיו בְּכָל לֵב יִדְרְשׁוּהוּ. אַף לֹא פָעֲלוּ עַוְלָה בִּדְרָכָיו הָלָכוּ. אַתָּה צִוִּיתָה פִקֻּדֶיךָ לִשְׁמֹר מְאֹד. אַחֲלַי יִכֹּנוּ דְרָכָי לִשְׁמֹר חֻקֶּיךָ. אָז לֹא אֵבוֹשׁ בְּהַבִּיטִי אֶל כָּל מִצְוֹתֶיךָ. אוֹדְךָ בְּיֹשֶׁר לֵבָב בְּלָמְדִי מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ. אֶת חֻקֶּיךָ אֶשְׁמֹר אַל תַּעַזְבֵנִי עַד מְאֹד.

---

האט אים טאקע געהאלפן ארויסצוגיין פון די צרות, אבער ניין! ער פירט אויס עפעס אנדערש: "**וַתְּאַזְּרֵנִי שִׂמְחָה**" - דו האסט מיר ארומגעגארטלט מיט שמחה, און דאס איז שוין די ישועה! ווייל אויב עס איז דא שמחה - פעלט גארנישט פאר דעם מענטש! אויב א מענטש איז א 'שמח בחלקו' און ער איז כסדר בשמחה - איז 'אשרי לו ואשרי חלקו'! און דאס איז דער אור פון די ימים טובים, אז עס זאל זיין 'ותאזרני שמחה'.

איי, ווערט א מענטש קלערן: פון וואו ווייס איך אז איך בין פרייליך מיט דעם וואס איך בין א איד? אפשר איז דאס סתם א 'הוללות'? אויף דעם פירט אויס דער פסוק: "**ה' אֱלֹקַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ**" - אויב ער דאנקט דעם אייבערשטן אין יעדן מצב, 'לעולם', אפילו ווען עס גייט אים נישט אזוי גוט, דעמאלט איז א סימן אז זיין שמחה איז א ריכטיגע שמחה מיטן אייבערשטן, און נישט חלילה קיין הוללות. ווייל נאר דורכן כח פון דער אידישער מדה פון 'שמח בחלקו' - קען א מענטש זיין פרייליך אויך אין שווערע זמנים.

בַּמֶּה יְזַכֶּה נַּעַר אֶת אָרְחוֹ לִשְׁמֹר כִּדְבָרֶךָ. בְּכָל לִבִּי דְרַשְׁתִּיךָ אַל תַּשְׁגֵּנִי מִמִּצְוֹתֶיךָ. בְּלִבִּי צָפַנְתִּי אִמְרָתֶךָ לְמַעַן לֹא אֶחֱטָא לָךְ. בָּרוּךְ אַתָּה יְהוָה לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ. בִּשְׂפָתַי סִפַּרְתִּי כֹּל מִשְׁפְּטֵי פִיךָ. בְּדֶרֶךְ עֵדְוֹתֶיךָ שַׂשְׂתִּי כְּעַל כָּל הוֹן. בְּפִקֻּדֶיךָ אָשִׂיחָה וְאַבִּיטָה אֹרְחֹתֶיךָ. בְּחֻקֹּתֶיךָ אֶשְׁתַּעֲשָׁע לֹא אֶשְׁכַּח דְּבָרֶךָ.

גְּמֹל עַל עַבְדְּךָ אֶחְיֶה וְאֶשְׁמְרָה דְבָרֶךָ. גַּל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת מִתּוֹרָתֶךָ. גֵּר אָנֹכִי בָאָרֶץ אַל תַּסְתֵּר מִמֶּנִּי מִצְוֹתֶיךָ. גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה אֶל מִשְׁפָּטֶיךָ בְכָל עֵת. גָּעַרְתָּ זֵדִים אֲרוּרִים הַשֹּׁגִים מִמִּצְוֹתֶיךָ. גַּל מֵעָלַי חֶרְפָּה וָבוּז כִּי עֵדֹתֶיךָ נָצָרְתִּי. גַּם יָשְׁבוּ שָׂרִים בִּי נִדְבָּרוּ עַבְדְּךָ יָשִׂיחַ בְּחֻקֶּיךָ. גַּם עֵדֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי אַנְשֵׁי עֲצָתִי.

דָּבְקָה לֶעָפָר נַפְשִׁי חַיֵּנִי כִּדְבָרֶךָ. דְּרָכַי סִפַּרְתִּי וַתַּעֲנֵנִי לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ. דֶּרֶךְ פִּקּוּדֶיךָ הֲבִינֵנִי וְאָשִׂיחָה בְּנִפְלְאוֹתֶיךָ. דָּלְפָה נַפְשִׁי מִתּוּגָה קַיְּמֵנִי כִּדְבָרֶךָ. דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי. דֶּרֶךְ אֱמוּנָה בָחָרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ שִׁוִּיתִי. דָּבַקְתִּי בְעֵדְוֹתֶיךָ ה׳ אַל תְּבִישֵׁנִי. דֶּרֶךְ מִצְוֹתֶיךָ אָרוּץ כִּי תַרְחִיב לִבִּי.

הוֹרֵנִי ה׳ דֶּרֶךְ חֻקֶּיךָ וְאֶצְּרֶנָּה עֵקֶב. הֲבִינֵנִי וְאֶצְּרָה תוֹרָתֶךָ וְאֶשְׁמְרֶנָּה בְכָל לֵב. הַדְרִיכֵנִי בִּנְתִיב מִצְוֹתֶיךָ כִּי בוֹ חָפָצְתִּי. הַט לִבִּי אֶל עֵדְוֹתֶיךָ וְאַל אֶל בָּצַע. הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ חַיֵּנִי. הָקֵם לְעַבְדְּךָ אִמְרָתֶךָ אֲשֶׁר לְיִרְאָתֶךָ. הַעֲבֵר חֶרְפָּתִי אֲשֶׁר יָגֹרְתִּי כִּי מִשְׁפָּטֶיךָ טוֹבִים. הִנֵּה תָּאַבְתִּי לְפִקֻּדֶיךָ בְּצִדְקָתְךָ חַיֵּנִי.

וִיבֹאֻנִי חֲסָדֶךָ יְהוָה תְּשׁוּעָתְךָ כְּאִמְרָתֶךָ. וְאֶעֱנֶה חֹרְפִי דָבָר כִּי בָטַחְתִּי בִּדְבָרֶךָ. וְאַל תַּצֵּל מִפִּי דְבַר אֱמֶת עַד מְאֹד כִּי לְמִשְׁפָּטֶךָ יִחָלְתִּי. וְאֶשְׁמְרָה תוֹרָתְךָ תָמִיד לְעוֹלָם וָעֶד. וְאֶתְהַלְּכָה בָרְחָבָה כִּי פִקֻּדֶיךָ דָרָשְׁתִּי. וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ. וְאֶשְׁתַּעֲשַׁע בְּמִצְוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי. וְאֶשָּׂא כַפַּי אֶל מִצְוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי וְאָשִׂיחָה בְחֻקֶּיךָ.

זְכֹר דָּבָר לְעַבְדֶּךָ עַל אֲשֶׁר יִחַלְתָּנִי. זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי. זֵדִים הֱלִיצֻנִי עַד מְאֹד מִתּוֹרָתְךָ לֹא נָטִיתִי. זָכַרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ מֵעוֹלָם ה׳ וָאֶתְנֶחָם. זַלְעָפָה אֲחָזַתְנִי מֵרְשָׁעִים עֹזְבֵי תּוֹרָתֶךָ. זְמִרוֹת הָיוּ לִי חֻקֶּיךָ בְּבֵית מְגוּרָי. זָכַרְתִּי בַלַּיְלָה שִׁמְךָ ה׳ וָאֶשְׁמְרָה תּוֹרָתֶךָ. זֹאת הָיְתָה לִּי כִּי פִקֻּדֶיךָ נָצָרְתִּי.

חֶלְקִי יְהוָה אָמַרְתִּי לִשְׁמֹר דְּבָרֶיךָ. חִלִּיתִי פָנֶיךָ בְכָל לֵב חָנֵּנִי כְּאִמְרָתֶךָ. חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ. חַשְׁתִּי וְלֹא הִתְמַהְמָהְתִּי לִשְׁמֹר מִצְוֹתֶיךָ. חֶבְלֵי רְשָׁעִים עִוְּדֻנִי תּוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי. חֲצוֹת

---

### לעבן מיט ׳מחשבה׳

**חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ.** ווען א מענטש לעבט מיט ׳מחשבה׳ אויף זיינע דרכים, איז ער מובטח אז ער וועט לערנען און דאווענען. ווייל דער גאנצער כח פונעם יצר הרע איז נאר, דער ׳בלבול הדעת׳ וואס ער מאכט שטענדיג: ״מען מוז שוין שנעל אָפּדאווענען, ווייל מען מוז גיין אהין! מען קען נישט היינט לערנען, ווייל מען מוז ערלעדיגן דאס און יענץ!״. און אזוי דערלייגט א מענטש זיינע יארן. אבער די עצה דערויף איז ׳**חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי**׳, אריינקלערן און אריינטראכטן: ״צי איז עס טאקע אזוי וויכטיג? קען איך טאקע נישט דאווענען ווי א איד, און נאכדעם גיין ערלעדיגן מיינע ענינים?

לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ. חָבֵר אָנִי לְכָל אֲשֶׁר יְרֵאוּךָ וּלְשֹׁמְרֵי פִּקּוּדֶיךָ. חַסְדְּךָ יְהֹוָה מָלְאָה הָאָרֶץ חֻקֶּיךָ לַמְּדֵנִי.

טוֹב עָשִׂיתָ עִם עַבְדְּךָ יְהֹוָה כִּדְבָרֶךָ. טוּב טַעַם וָדַעַת לַמְּדֵנִי כִּי בְמִצְוֹתֶיךָ הֶאֱמָנְתִּי. טֶרֶם אֶעֱנֶה אֲנִי שֹׁגֵג וְעַתָּה אִמְרָתְךָ שָׁמָרְתִּי. טוֹב אַתָּה וּמֵטִיב לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ. טָפְלוּ עָלַי שֶׁקֶר זֵדִים אֲנִי בְּכָל לֵב אֶצֹּר פִּקּוּדֶיךָ. טָפַשׁ כַּחֵלֶב לִבָּם אֲנִי תּוֹרָתְךָ שִׁעֲשָׁעְתִּי. טוֹב לִי כִי עֻנֵּיתִי לְמַעַן אֶלְמַד חֻקֶּיךָ. טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף.
יָדֶיךָ עָשׂוּנִי וַיְכוֹנְנוּנִי הֲבִינֵנִי וְאֶלְמְדָה מִצְוֹתֶיךָ. יְרֵאֶיךָ יִרְאוּנִי וְיִשְׂמָחוּ כִּי לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי. יָדַעְתִּי ה׳ כִּי צֶדֶק מִשְׁפָּטֶיךָ וֶאֱמוּנָה עִנִּיתָנִי. יְהִי נָא חַסְדְּךָ לְנַחֲמֵנִי כְּאִמְרָתְךָ לְעַבְדֶּךָ. יְבֹאוּנִי רַחֲמֶיךָ וְאֶחְיֶה כִּי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי.
יֵבֹשׁוּ זֵדִים כִּי שֶׁקֶר עִוְּתוּנִי אֲנִי אָשִׂיחַ בְּפִקּוּדֶיךָ. יָשׁוּבוּ לִי יְרֵאֶיךָ וידעו [וְיֹדְעֵי] עֵדֹתֶיךָ. יְהִי לִבִּי תָמִים בְּחֻקֶּיךָ לְמַעַן לֹא אֵבוֹשׁ.

כָּלְתָה לִתְשׁוּעָתְךָ נַפְשִׁי לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי. כָּלוּ עֵינַי לְאִמְרָתֶךָ לֵאמֹר מָתַי תְּנַחֲמֵנִי. כִּי הָיִיתִי כְּנֹאד בְּקִיטוֹר חֻקֶּיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי. כַּמָּה יְמֵי עַבְדֶּךָ מָתַי תַּעֲשֶׂה בְרֹדְפַי מִשְׁפָּט. כָּרוּ לִי זֵדִים שִׁיחוֹת אֲשֶׁר לֹא כְתוֹרָתֶךָ. כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה שֶׁקֶר רְדָפוּנִי עָזְרֵנִי. כִּמְעַט כִּלּוּנִי בָאָרֶץ וַאֲנִי לֹא עָזַבְתִּי פִקֻּדֶיךָ. כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדוּת פִּיךָ.

לְעוֹלָם יְהֹוָה דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם. לְדֹר וָדֹר אֱמוּנָתֶךָ כּוֹנַנְתָּ אֶרֶץ וַתַּעֲמֹד. לְמִשְׁפָּטֶיךָ עָמְדוּ הַיּוֹם כִּי הַכֹּל עֲבָדֶיךָ.
לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי. לְעוֹלָם לֹא אֶשְׁכַּח פִּקּוּדֶיךָ כִּי בָם חִיִּיתָנִי. לְךָ אֲנִי הוֹשִׁיעֵנִי כִּי פִקּוּדֶיךָ דָרָשְׁתִּי. לִי קִוּוּ רְשָׁעִים לְאַבְּדֵנִי עֵדֹתֶיךָ אֶתְבּוֹנָן. לְכָל תִּכְלָה רָאִיתִי קֵץ רְחָבָה מִצְוָתְךָ מְאֹד.

מָה אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ כָּל הַיּוֹם הִיא שִׂיחָתִי. מֵאֹיְבַי תְּחַכְּמֵנִי מִצְוֹתֶךָ כִּי לְעוֹלָם הִיא לִי. מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי כִּי עֵדְוֹתֶיךָ שִׂיחָה לִי. מִזְּקֵנִים אֶתְבּוֹנָן כִּי פִקּוּדֶיךָ נָצָרְתִּי. מִכָּל אֹרַח רָע כָּלִאתִי רַגְלָי לְמַעַן אֶשְׁמֹר דְּבָרֶךָ. מִמִּשְׁפָּטֶיךָ לֹא סָרְתִּי כִּי אַתָּה הוֹרֵתָנִי. מַה נִּמְלְצוּ לְחִכִּי אִמְרָתֶךָ מִדְּבַשׁ לְפִי. מִפִּקּוּדֶיךָ אֶתְבּוֹנָן עַל כֵּן שָׂנֵאתִי כָּל אֹרַח שָׁקֶר.

---

קען איך דען נישט לערנען מיין שיעור יעדן טאג חק ולא יעבור?". און דאס קען זיין פשט אין מדרש (ויק"ר לה, א) אויף דעם פסוק: "**בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר למקום פלוני ולבית דירה פלונית אני הולך והיו רגלי מביאות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות**" - קען זיין אז דאס גייט בלשון בתמיה, אז יעדן טאג האט ער געטראכט: "למקום פלוני אני הולך" - מוז איך טאקע גיין צו יענע פלאץ? איז עס טאקע אזוי וויכטיג? און דעמאלט האב איך איינגעזען, אז עס פעלט טאקע נישט אויס אהינצוגיין, נאר "**וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ**" - איך בין געגאנגען אין בית המדרש אריין צו לערנען און דאווענען.

נֵר לְרַגְלִי דְבָרֶךָ וְאוֹר לִנְתִיבָתִי. נִשְׁבַּעְתִּי וָאֲקַיֵּמָה לִשְׁמֹר מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ. נַעֲנֵיתִי עַד מְאֹד יְהוָה חַיֵּנִי כִדְבָרֶךָ. נִדְבוֹת פִּי רְצֵה נָא יְהוָה וּמִשְׁפָּטֶיךָ לַמְּדֵנִי. נַפְשִׁי בְכַפִּי תָמִיד וְתוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי. נָתְנוּ

---

### 'חנוכה לעכט' באלייכט אונזער דור

**נֵר לְרַגְלִי דְּבָרֶךָ.** 'רגלי' דאס גייט ארויף אויף אונזערע שפל'דיגע זמנים, וואס ווערט אנגערופן 'רגלים'. ווייל אמאליגע זמנים איז געווען א בחינה פון 'ראש' - מח, שפעטער איז געווען בחינות פון 'לב' - הרגש, און אזוי ווייטער נידריגער און נידריגער, ביז מען האלט שוין היינט אין א דור פון 'רגלים'. זאגט מען אבער: "**נֵר לְרַגְלִי**" - אריינצוברענגען א לעכטל און מאכן ליכטיג אינעם היינטיגן מצב פון 'רגלים', דאס איז שייך נאר דורך "**דְּבָרֶךָ**" - דאס וואס דו כביכול האסט אזוי געהייסן! דו האסט געהייסן אנצינדן 'חנוכה לעכט', זיך צו פרייען מיטן נס, און זיך אנזאפן מיט אמונה פון די נסים ונפלאות שעשית לאבותינו בזמן הזה - אט דער ציווי, דאס גיבט אריין א כח אין אידן אז מען זאל טאקע קענען באלאכטן ווערן - אפילו ווי שפל'דיג מיר זענען; און ווי דער עבודת ישראל שרייבט (לחנוכה ד"ה אתה), אז דורכן קוקן אויף דעם נר חנוכה, איז מען מתקן אלע 'ראיות אסורות' פון א גאנץ יאר. עס איז א פחד פון א זאך, עד היכן הדברים מגיעין! און דערפאר צינדט מען 'למטה מעשרה', ווייל דארטן איז דער 'מקום הרגלים', אריינצושיינען ביז צו אונזער דור. און עס איז נישט פשט, אז מען מאכט ליכטיג בלויז אונטן און נישט אויבן, ניין! נאר פון אונטן ביז ארויף ווערט ליכטיג! דער נר חנוכה באלייכט אלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים!

### די חנוכה לעכט שאקלט אויף פונעם 'רגילות'

**נֵר לְרַגְלִי דְּבָרֶךָ וְאוֹר לִנְתִיבָתִי.** 'רגלי' איז א לשון פון 'רגילות'. ווייל א מענטש איז אזוי רגיל אין חושך, אז ער ווייסט שוין אליינס נישט וואו ער האלט מיט זיך, און ער מיינט אז ער איז אין אַן 'אור'. אבער דער 'נר חנוכה' איז א נר וועלכער איז לוחם קעגן 'רגילות', ווייל עס וועקט אויף דעם מענטש און ווייזט אים אז ער איז אין 'חושך'. דאס זאגט מען: "**נֵר לְרַגְלִי**" - וויבאלד דער נר חנוכה שיינט אריין אין מיין 'רגילות' און מאכט מיר ליכטיג צו פארשטיין וואו איך האלט, דורכדעם איז "**וְאוֹר לִנְתִיבָתִי**" - ווערט מיר אינגאנצן ליכטיג און איך גיי ארויף אויף א 'נתיב', וואס דאס איז א לשון פון אן אויסגעטראטענעם וועג.

רְשָׁעִים פַּח לִי וּמִפִּקּוּדֶיךָ לֹא תָעִיתִי. נָחַלְתִּי עֵדְוֺתֶיךָ לְעוֹלָם כִּי שְׂשׂוֹן לִבִּי הֵמָּה. נָטִיתִי לִבִּי לַעֲשׂוֹת חֻקֶּיךָ לְעוֹלָם עֵקֶב.

סֵעֲפִים שָׂנֵאתִי וְתוֹרָתְךָ אָהָבְתִּי. סִתְרִי וּמָגִנִּי אָתָּה לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי. סוּרוּ מִמֶּנִּי מְרֵעִים וְאֶצְּרָה מִצְוֺת אֱלֹהָי. סָמְכֵנִי כְאִמְרָתְךָ וְאֶחְיֶה וְאַל תְּבִישֵׁנִי מִשִּׂבְרִי. סְעָדֵנִי וְאִוָּשֵׁעָה וְאֶשְׁעָה בְחֻקֶּיךָ תָמִיד. סָלִיתָ כָּל שׁוֹגִים מֵחֻקֶּיךָ כִּי שֶׁקֶר תַּרְמִיתָם. סִגִים הִשְׁבַּתָּ כָל רִשְׁעֵי אָרֶץ לָכֵן אָהַבְתִּי עֵדֹתֶיךָ. סָמַר מִפַּחְדְּךָ בְשָׂרִי וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ יָרֵאתִי.

עָשִׂיתִי מִשְׁפָּט וָצֶדֶק בַּל תַּנִּיחֵנִי לְעֹשְׁקָי. עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקֻנִי זֵדִים. עֵינַי כָּלוּ לִישׁוּעָתֶךָ וּלְאִמְרַת צִדְקֶךָ. עֲשֵׂה עִם עַבְדְּךָ כְחַסְדֶּךָ וְחֻקֶּיךָ לַמְּדֵנִי. עַבְדְּךָ אָנִי הֲבִינֵנִי וְאֵדְעָה עֵדֹתֶיךָ. עֵת לַעֲשׂוֹת לַיהוָה הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ. עַל כֵּן אָהַבְתִּי מִצְוֺתֶיךָ מִזָּהָב וּמִפָּז. עַל כֵּן כָּל פִּקּוּדֵי כֹל יִשָּׁרְתִּי כָּל אֹרַח שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי.

פְּלָאוֹת עֵדְוֺתֶיךָ עַל כֵּן נְצָרָתַם נַפְשִׁי. פֵּתַח דְּבָרֶיךָ יָאִיר מֵבִין פְּתָיִים. פִּי פָעַרְתִּי וָאֶשְׁאָפָה כִּי לְמִצְוֺתֶיךָ יָאָבְתִּי. פְּנֵה אֵלַי וְחָנֵּנִי כְּמִשְׁפָּט לְאֹהֲבֵי שְׁמֶךָ. פְּעָמַי הָכֵן בְּאִמְרָתֶךָ וְאַל תַּשְׁלֶט בִּי כָל אָוֶן. פְּדֵנִי מֵעֹשֶׁק אָדָם וְאֶשְׁמְרָה פִּקּוּדֶיךָ. פָּנֶיךָ הָאֵר בְּעַבְדֶּךָ וְלַמְּדֵנִי אֶת חֻקֶּיךָ. פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ. צַדִּיק אַתָּה ה׳ וְיָשָׁר מִשְׁפָּטֶיךָ. צִוִּיתָ צֶדֶק עֵדֹתֶיךָ וֶאֱמוּנָה מְאֹד. צִמְּתַתְנִי קִנְאָתִי כִּי שָׁכְחוּ דְבָרֶיךָ

---

**איין האָר דביקות בתורה איז גאר הויך**

**נֵר לְרַגְלִי דְבָרֶךָ וְאוֹר לִנְתִיבָתִי.** מען פארציילט נאך, אז דער הייליגער דברי חיים האט אמאל אראפגעלייגט דעם קאפ, און עס האט אויסגעזען ווי כאילו ער האט איינגעדרימלט. פלוצלינג האט ער זיך געגעבן א כאפ אויף און געזאגט: "איך האב געוואלט זען וויפיל איך האב א שייכות מיטן זיידן דער חכם צבי, האב איך געזען אז איך הענג אין אים אויף א האָר!". פון דער מעשה זעט מען, אז א מענטש מיינט אמאל אז א האָר פון קדושה איז גארנישט, דא זעט מען אבער, אז פון איין האָר שייכות צום חכם צבי, איז ארויסגעוואקסן אזא דברי חיים! דאס זאגט מען דא: "**נֵר**" - די חנוכה לעכט שיינט מיר אריין, אז "**לְרַגְלִי דְבָרֶךָ**" - איך זאל זען אז מיין 'דביקות בתורה' איז בלויז א בחינה פון 'רגלים', דאס הייסט, איך האב קוים אנגערירט די תורה מיט א האָר, און פונדעסטוועגן "**וְאוֹר לִנְתִיבָתִי**" - ווערט ביי מיר א גרויסע ליכטיגקייט. ווייל א האָר פון דביקות בתורה איז אויך גאר גרויס.



**די אויגן וויינען אויף זיך זעלבסט**

**פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ.** עס קען אפשר זיין, אז דער 'שמרו' גייט ארויף אויף די אויגן גופא. דאס ה

צָרֵי. צְרוּפָה אִמְרָתְךָ מְאֹד וְעַבְדְּךָ אֲהֵבָהּ. צָעִיר אָנֹכִי וְנִבְזֶה פִּקֻּדֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי. צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת. צַר וּמָצוֹק מְצָאוּנִי מִצְוֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי. צֶדֶק עֵדְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם הֲבִינֵנִי וְאֶחְיֶה.

קָרָאתִי בְכָל לֵב עֲנֵנִי ה׳ חֻקֶּיךָ אֶצֹּרָה. קְרָאתִיךָ הוֹשִׁיעֵנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדֹתֶיךָ. קִדַּמְתִּי בַנֶּשֶׁף וָאֲשַׁוֵּעָה לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי. קִדְּמוּ עֵינַי אַשְׁמֻרוֹת לָשִׂיחַ בְּאִמְרָתֶךָ. קוֹלִי שִׁמְעָה כְחַסְדֶּךָ יְהוָה כְּמִשְׁפָּטֶךָ חַיֵּנִי. קָרְבוּ רֹדְפֵי זִמָּה מִתּוֹרָתְךָ רָחָקוּ. קָרוֹב אַתָּה יְהוָה וְכָל מִצְוֹתֶיךָ אֱמֶת. קֶדֶם יָדַעְתִּי מֵעֵדֹתֶיךָ כִּי לְעוֹלָם יְסַדְתָּם.

רְאֵה עָנְיִי וְחַלְּצֵנִי כִּי תוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי. רִיבָה רִיבִי וּגְאָלֵנִי לְאִמְרָתְךָ חַיֵּנִי. רָחוֹק מֵרְשָׁעִים יְשׁוּעָה כִּי חֻקֶּיךָ לֹא דָרָשׁוּ. רַחֲמֶיךָ רַבִּים יְהוָה כְּמִשְׁפָּטֶיךָ חַיֵּנִי. רַבִּים רֹדְפַי וְצָרָי מֵעֵדְוֹתֶיךָ לֹא נָטִיתִי. רָאִיתִי בֹגְדִים וָאֶתְקוֹטָטָה אֲשֶׁר אִמְרָתְךָ לֹא שָׁמָרוּ. רְאֵה כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי ה׳ כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי. רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת וּלְעוֹלָם כָּל מִשְׁפַּט צִדְקֶךָ.

---

ייסט, ״**פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי**״ - מיינע אויגן פארגיסן טייכן טרערן, ״**עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ**״ - פארוואס זיי - ׳די אויגן׳ - האבן נישט אפגעהיטן דיין תורה, נאר האבן געקוקט אויף ראיות אסורות רח״ל.

#### שמירת תורה ומצוות אין סיביר האט באוויזן די ׳אהבה׳ צו תורה

**רְאֵה כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי.** דער לשון ׳ראֵה׳ מיינט, אז עס איז קלאר און אפן, און יעדער קען דאס זען. דאס הייסט, אז אידן זאגן פארן אייבערשטן: ״דו זעסט דאך אזוי אפן אז מיר האבן ליב דיין תורה!״ וואו זעט מען דאס אזוי אפן? אויף דעם זאגט ער פריער: ״**רַבִּים רֹדְפַי וְצָרָי**״ - מיר האבן דאך געהאט אזויפיל שווערע זמנים, וואס מען האט אונז גע׳רודפ׳ט און אנגעטון צרות, אבער ״**מֵעֵדְוֹתֶיךָ לֹא נָטִיתִי**״ - מיר האבן זיך נישט אוועקגערירט פון דער תורה! אָה, דאס איז א ראיה אז ׳**כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי**׳.

אין אזא זמן ווי היינטיגע צייטן, וואס מען זיצט באקוועם אין שטוב, עס איזווארעם און מען האט ברוך ה׳ צו עסן און טרינקען, אלץ איז רואיג און שטיל - אָן קיין נסיונות, און דעמאלט לייגט מען תפילין און מען דאווענט - איז טאקע זייער פיין, אבער מען זעט נאכנישט אזא קלארע ראיה אז ׳**פִּקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי**׳. וואו זעט מען יא ׳אהבה׳? ווען מען קוקט צוריק אויף די פריערדיגע זמנים, וואס מען האט אונז גע׳רודפ׳ט און נישט געלאזט האלטן די תורה - אין יעדן דור אויף זיין אופן! אין אונזערע צייטן אין סיביר, אוי, וואס הייסט נסיונות וואס אידן זענען אויסגעשטאנען! דער הונגער וואס מען האט דארט מיטגעמאכט, וואס מען האט נישט געהאט צו עסן און צו טרינקען! און די ביטערע פרעסטן וואס מען האט געליטן, אז מען האט זיך געמוזט

שָׂרִים רְדָפוּנִי חִנָּם וּמִדְּבָרְךָ פָּחַד לִבִּי. שָׂשׂ אָנֹכִי עַל אִמְרָתֶךָ כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב. שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי וָאֲתַעֵבָה תּוֹרָתְךָ אָהָבְתִּי. שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ. שָׁלוֹם רָב לְאֹהֲבֵי תוֹרָתֶךָ וְאֵין לָמוֹ מִכְשׁוֹל. שִׂבַּרְתִּי לִישׁוּעָתְךָ ה׳ וּמִצְוֹתֶיךָ עָשִׂיתִי. שָׁמְרָה נַפְשִׁי עֵדֹתֶיךָ וָאֹהֲבֵם מְאֹד. שָׁמַרְתִּי פִקּוּדֶיךָ וְעֵדֹתֶיךָ כִּי כָל דְּרָכַי נֶגְדֶּךָ.

תִּקְרַב רִנָּתִי לְפָנֶיךָ יְהוָה כִּדְבָרְךָ הֲבִינֵנִי. תָּבוֹא תְּחִנָּתִי לְפָנֶיךָ כְּאִמְרָתְךָ הַצִּילֵנִי. תַּבַּעְנָה שְׂפָתַי תְּהִלָּה כִּי תְלַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ. תַּעַן לְשׁוֹנִי אִמְרָתֶךָ כִּי כָל מִצְוֹתֶיךָ צֶּדֶק. תְּהִי יָדְךָ לְעָזְרֵנִי כִּי פִקּוּדֶיךָ בָחָרְתִּי. תָּאַבְתִּי לִישׁוּעָתְךָ ה׳ וְתוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי. תְּחִי נַפְשִׁי וּתְהַלְלֶךָּ וּמִשְׁפָּטֶךָ יַעֲזְרֻנִי. תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי.

---

ארומבינדן די פוס מיט שמאטעס, אז עס זאל נישט פארפרוירן ווערן פון די גרויסע פרעסטן! און נישט ביי יעדן האט דאס נעבעך געהאלפן. איך געדענק, ווי איינמאל איז א איד אהיימגעקומען, און ער זאגט: "אז ער שפירט נישט זיין פוס!". גיבט ער קוק, זעט ער ווי א שטיק פוס איז אים נעבעך געווארן אינגאנצן אָנגעפרוירן ל"ע.

דאס איז געווען דער "**רַבִּים רֹדְפַי וְצָרָי**" פון סיביר. און פונדעסטוועגן דאך "**מֵעֵדְוֹתֶיךָ לֹא נָטִיתִי**", מען האט דעמאלט אויך נישט פארגעסן צו זיין א איד! מען האט געלייגט תפילין און געגאנגען אין מקוה, מען האט געדאווענט און געלערנט, און מען איז געווען א איד. דארט אין סיביר איז געווען די קעלט 'צוואנציג אונטער זערא' (אויף די היגע גראַד), און איך האב דאס אליינס צוגעזען, ווי אידן זענען געגאנגען זיך טובל'ן אין מקוה אריין, און דערנאך ארויסגעגאנגען אינדרויסן אין אזא קעלט! און אזוי אין אלע דורות - האבן אידן זיך געהאלטן אין אלע שווערע זמנים און צרות, וואס מען האט זיי געיאגט און גע'רודפ'ט. פון דעם זעט מען קלאר ארויס די 'אהבה' וואס אידן האבן ליב די תורה; "**רְאֵה כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי**".

**מיר קוקן אויף זיינע נרות און ער קוקט אויף אונזערע מצוות**

**רְאֵה כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי.** חנוכה איז דאך א מצוה פון 'ראיה'; ווי מען זאגט: "**אלא לראותם בלבד**". קען מען אפשר זאגן, אז 'מדה כנגד מדה', פונקט ווי אידן זענען מקיים 'ראיית נר חנוכה', איז מען ממשיך דורכדעם דעם "**רְאֵה כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי**", אז כביכול זאל קוקן אויף אונז, און ער זאל זען ווי אידן טוען מצוות באהבה, און עס זאל נתקבל ווערן ביי אים לרצון.

## פתגמים קצרים - ממה שהשמיע בישבו מול פני המנורה במשך השנים

נחשים ועקרבים יש בו: די תורה וויל 'פרסום הנס'

**די** גמרא זאגט (שבת כא:): **"אמר רב כהנא וכו' משמיה דרבי תנחום נר של חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה כסוכה וכמבוי"** - א חנוכה לעכט וואס מען האט געלייגט העכער צוואנציג אמה, איז פסול. און ווי רש"י זאגט דעם טעם: **"דלא שלטא ביה עינא וליכא פרסומי ניסא"** - דער אויג באמערקט נישט קיין זאכן העכער צוואנציג אמה, און עס איז נישטא דארט קיין פרסום הנס. דערנאך זאגט די גמרא ווייטער: **"ואמר רב כהנא וכו' משמיה דרב תנחום מאי דכתיב והבור רק אין בו מים ממשמע שנאמר והבור רק איני יודע שאין בו מים, אלא מה תלמוד לומר אין בו מים, מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו"** - די תורה פארציילט מיר, אז דער גרוב וואוהין מען האט אריינגעווארפן יוסף איז געווען ליידיג 'פון וואסער', כדי צו זאגן, אז בלויז פון וואסער איז עס געווען ליידיג, אבער פון שלענג און עקדיסן איז עס נישט געווען ליידיג. שטעלן זיך אלע, וואס איז די סמיכות פון די צוויי מימרא'ס?

**האט** דער טאטע זצ"ל (אב"ד לאנצהוט זצ"ל) געענטפערט א הפלא'דיגן תירוץ בדרך פשוט מאוד. אין דער ערשטער מימרא איז רבי תנחום מחדש, אז חנוכה לעכט מוז זיין דוקא אויף אן אופן פון 'פרסומי ניסא', און טאמער עס איז נישטא דער פרסום הנס - האט מען נישט יוצא געווען. שטעלט זיך די שאלה: וואו איז דער מקור אין דער תורה, אז א נס דארף ווערן נתפרסם? אויף דעם ענטפערט ער מיטן צווייטן מימרא, אז די תורה האט דוקא ארויסגעשריבן 'אין בו מים', כדי אונז צו מודיע זיין, אז דארטן איז געווען שלענג און עקדיסן. פארוואס האט די תורה געוואלט אז מיר זאלן וויסן דערפון? אלא מאי, ווייל די תורה האט געוואלט מפרסם זיין דעם נס וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט יוסף הצדיק, און ווען נישט די תורה שרייבט עס ארויס וואלט מען קיינמאל נישט געוואוסט אז עס זענען דארט געווען שלענג. ממילא, איז א בפירוש'ער מקור אין דער תורה, אז מען דארף מפרסם זיין א נס.

### דער ערשטער טאג איז אויף דער 'שמחה'

**דער** בית יוסף (סי' תע"ר) פרעגט: פארוואס מאכט מען אכט טעג חנוכה, דער ערשטער טאג איז דאך נישט געווען קיין נס?

**מען** קען אפשר ענטפערן א תירוץ: אינעם ערשטן טאג ווען זיי האבן געטראפן דעם 'פך שמן', זענען זיי געווארן אזוי שטארק בשמחה, אז מען וועט קענען היינט נאכט צינדן די מנורה אין בית המקדש - אז מיר האבן גארנישט קיין השגה אין דער געוואלדיגער שמחה זייערע. און 'שמחה' האט דאך א געוואלדיגן כח ממשיך צו זיין נסים ונפלאות, ממילא, מכח די שמחה פונעם ערשטן טאג איז געווארן א נס אז עס האט געברענט אכט טעג. קומט אויס, אז דער מקור פון דער גאנצער יום טוב פון אלע אנדערע טעג איז נאר געקומען פון דער שמחה פונעם ערשטן טאג, ממילא האט מען קובע געווען, אז דער ערשטער טאג זאל אויך זיין יום טוב.

### ווען דער אייבערשטער איז צוגאסט פועל'ט מען אלע ישועות

**עס** שטייט אין ספרים, אז ביי די חנוכה לעכט קען יעדער איד אויסבעטן ישועות שלא כדרך הטבע; ווי 'פקידת עקרות' וכדומה. מען קען אפשר זאגן א הסבר דערין. ווייל די גמרא זאגט דאך (סוכה ה.): **"מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה"** - די שכינה קומט קיינמאל נישט אראפ נידריגער פון צען טפחים. אבער ביי חנוכה לעכט, איז דאך די מצוה צו צינדן דוקא למטה מעשרה; ווי די ספרים זאגן, אז דעמאלט איז אן אויסנאם, אז די שכינה קומט יא אראפ אזוי נידריג למטה מעשרה טפחים. קומט אויס, אז דער אייבערשטער כביכול קומט יעצט אראפ אין א פלאץ וואו ער רוהט נישט א גאנץ יאר. נו, איז ער דאך אונזער גאסט כביכול, און מיר זענען ווי די 'מכניסי אורח' וואס נעמען אויף דעם גאסט מיט א גרויסן 'ברוך הבא' - מיט די הייליגע חנוכה לעכט.

**די** גמרא זאגט (פסחים פו:): **"כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה חוץ מצא"** - אלץ וואס דער בעל הבית הייסט פארן גאסט, זאל ער טון, אויסער ווען ער הייסט אים ארויסגיין. ממילא, וויבאלד חנוכה זענען מיר דער בעל הבית און כביכול איז אן אורח ביי אונז, האבן מיר א כח צו הייסן פאר כביכול אונז

משפיע צו זיין א ישועה, און ער איז מחויב אונז צו פאלגן! און אפשר איז דאס שטארקער ווי א כח פון א צדיק, ווייל דער צדיק איז דאך דבוק אין די עולמות העליונים, וואס דאס איז א בחינה פון 'למעלה מעשרה', און דארט איז דאך דער אייבערשטער בעל הבית און דער צדיק איז דער אורח, ממילא האט ער נישט דעם כח פון 'כל מה שיאמר לך בעה"ב עשה', אבער יעצט חנוכה, קומט ער דאך אראפ צו אונז פשוט'ע אידן וועלכע וואוינען דא אונטן למטה מעשרה, ממילא האבן מיר דעם כח פון א בעל הבית.

**די** גמרא פירט אויס: "**חוץ מצא**". מען קען זאגן פשט דערין לענינינו, אז כאטש דער אייבערשטער דארף אונז אלעס פאלגן, אבער אויב א איד וועט חלילה חוטא זיין, וואס מיט דעם איז עס כאילו ער זאגט פארן אייבערשטן 'צא' - זאל אים דער אייבערשטער נישט פאלגן, נאר ער זאל בלייבן וואוינען מיט אונז אלעמאל און א גאנץ יאר; ווי עס שטייט (שיר השירים ג, ד): "אחזתיו ולא ארפנו" - איינמאל מען כאפט אן דעם אייבערשטן, לאזט מען אים שוין נישט ארויסגיין, נאר מען בלייבט מקושר מיט אים אויף אייביג, אין יעדן מצב; ווי עס שטייט (ויקרא טז, טז): "השוכן אתם בתוך טמאותם".

**מען** קען זאגן, אז די זעלבע זאך איז אויך כלפי רוחניות. ווייל עס איז דאך באקאנט פון די ספרים, אז עס איז פארהאן א ויכוח צווישן דעם אייבערשטן מיט כלל ישראל, דער אייבערשטער זאגט: "שובו אלי ואשובה אליכם" - קודם זאלט עטץ תשובה טון, און נאכדעם וועל איך צוריק קומען צו ענק. און כלל ישראל זאגט: "השיבנו ה' אליך ונשובה" - קודם זאלסטו אנהייבן אונז צוריק צו ברענגען צו דיר, און דערנאך וועלן מיר תשובה טון. ממילא, וויבאלד חנוכה איז דער אייבערשטער צו גאסט ביי אונז, האבן מיר דעם כח פון א 'בעל הבית' און מיר זאגן אים "השיבנו ה' אליך ונשובה", און ער שטעלט זיך צו אונזער בקשה, און עס ווערט אויס ויכוח.



מען זאגט הלל אז אויך 'אויל' ברענט

**מען** זאגט: "**בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים**" - די חכמים וואס זיי פארמאגן 'בינה' האבן קובע געווען אכט טעג חנוכה. לכאורה דארף

מען פארשטיין, פארוואס כאפט ער אן פונקט דעם טיטול פון 'בני בינה'? אויך איז דאך באקאנט דעם בית יוסף'ס קושיא, פארוואס עס איז געווען אכט טעג חנוכה, דער נס איז דאך נאר געווען זיבן טעג?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער קדושת לוי (קדושה חמישית לחנוכה) קאכט זיך שטארק אין דעם באקאנטן רמב"ן סוף פרשת בא, אז די תכלית פון אלע נסים, איז צו צוברענגען אז א מענטש זאל גלייבן, אז די 'טבע' איז אויך א 'נס'! און יעדע קלייניקייט וואס געשעט א גאנצן טאג איז אלעס פונקט אזא השגחה און הנהגה עליונה ווי א נס! און אזוי ווי די גמרא זאגט (תענית כה.): "מי שאמר לשמן וידלוק יאמר לחומץ וידלוק" - פונקט ווי שמן קען ברענען, קען אויך עסיג ברענען, און עס איז גארנישט 'מער' פארשטענדליך אז אויל ברענט - מער ווי עסיג זאל ברענען. ווייל דער אויל ברענט נאר - ווייל דער אייבערשטער הייסט אים ברענען, און עס איז נישטא קיין שום מציאות פון טבע בכלל, נאר די סארט נסים גייען אויף א מהלך פון תמידיות. און דער רמב"ן זאגט דארט א שארף לשון, אז דער וואס גלייבט נישט דערין, "אין לו חלק בתורת משה". ווייל דאס איז די מציאות פון דער גאנצער בריאה.

**קומט** אויס, אז באמת דארף מען דאנקען אויף 'טבע' פונקט ווי מען דאנקט אויף א 'נס'! נאר אודאי, קען מען דאך נישט מאכן יעדן טאג א יום טוב. אבער דא אז מען האט שוין געמאכט א יום טוב אויף די זיבן טעג וואס עס האט געברענט שלא כדרך הטבע, האט מען אויך געמאכט דעם ערשטן טאג א יום טוב - אויף דער זעלבער סארט זאך פון אויל וואס ברענט, ווייל דעמאלט איז גארנישט געווען קיין קלענערער נס ווי די אנדערע זיבן טעג. און פארקערט, מען האט דוקא געוואלט מאכן איין טאג פאר די עצם זאך פון דעם אז 'אויל ברענט!', ווייל דאס איז דאך דער גאנצער תכלית פון אלע זיבן טעג וואס עס האט געברענט בנס - אריינצוברענגען אין אונז די הכרה, אז 'טבע' איז אויך 'נס', און טאמער מען איז נישט אנגעקומען צו דער הכרה, האט מען דאך גארנישט אויפגעטון מיט דער גאנצער נס חנוכה. דערפאר האט מען געמאכט דעם ערשטן טאג א יום טוב.

**רש"י** זאגט דאך (דברים א, יג): **"ונבונים - מבינים דבר מתוך דבר"** - 'בינה' מיינט, אז ער פארשטייט ארויסצולערנען איין זאך פונעם צווייטן. דערפאר זאגט מען דא: **"בני בינה"** - וויבאלד די חכמים האבן זיך באנוצט מיטן כח פון 'בינה', ארויסצולערנען פון 'נס' אויף 'טבע', אז די זעלבע השגחה וואס עס איז דא אין 'נס', איז פונקט אזוי אויך דא אין 'טבע', ממילא איז דאך דער ערשטער טאג פונקט אזא חיוב צו דאנקען און לויבן, און דערפאר: **"ימי שמונה קבעו שיר ורננים"**.

**עס** קען זיין, אז דוקא ביי חנוכה האבן חז"ל אוועקגעשטעלט אזא טאג צו זאגן הלל אויף טבע. ווייל דעמאלט איז דאך געווען דער לעצטער חנוכת הבית אויפן בית המקדש, און חז"ל ברוח קדשם האבן געזען ווי אידן וועלן גיין אין אזא פינסטערן גלות, ווי מען זעט נישט קיין שום נס, און אלעס קוקט אויס ווי א פשוט'ע טבע. און אידן וועלן זיך דראפן זיך צו קענען מחזק זיין און ארייינברענגען אמונה אין זיך. דערפאר האבן חז"ל אראפגעשטעלט די יסודות לדורות, אז כדי זיך צו קענען דערהאלטן ביי די אמונה אין גלות - מוז מען געדענקען דעם יסוד, אז 'טבע' איז אויך 'נס'. ווייל נאר דאס קען העלפן אין אזא הסתר פנים, וואו מען זעט נישט קיין שום נס.

אפילו דארט וואו איך טוה – טוה איך גארנישט...

**דער** קדושת לוי (קדושה חמישית) זאגט: אז דער נס פון פורים איז חשוב'ער ווי דער נס חנוכה, וויבאלד ביי פורים האבן מיר נישט געטון קיין שום 'מעשה', עס האט זיך אלעס געפירט מן השמים אזויווי ביי די נסים פון יציאת מצרים, אבער ביי דער נס חנוכה האבן דאך די חשמונאים געטון א פעולה, מיט דעם וואס זיי האבן מלחמה געהאלטן מיט די יוונים, און דאס איז שוין אביסל א קלענערע מדרגה פון נס. דערפאר זאגט ער (דרושים לחנוכה ד"ה בשמו"ע) א טעם פארוואס מען זאגט 'ויהי נועם' ביי די חנוכה לעכט, ווייל מיר ווילן זאגן: "ומעשה ידינו כוננה עלינו", אז כאטש עס איז געווען ארייינגעמישט אביסל פון 'מעשה ידינו', דאך גלייבן מיר אז דער אייבערשטער איז דער וואס האט געהאלפן און 'מכונן' געווען אונזערע 'מעשי ידינו', אז מיר זאלן מצליח זיין. אבער לכאורה קען מען פרעגן: אויב פורים איז

גרעסער ווי חנוכה, נו, פארוואס פורים זאגט מען נישט קיין הלל, און חנוכה זאגט מען יא הלל?

**מען** קען זאגן א פארקערטע בחינה, אז נס חנוכה איז גרעסער פון נס פורים, און דערפאר זאגט מען הלל בלויז אין חנוכה. ווייל אז מען טראכט אריין, זעט מען אז דער עיקר נסיון פון אמונה, איז דוקא דארט וואו דער מענטש טוט עפעס א פעולה. ווייל דארט וואו א מענטש ווייסט אז ער קען גארנישט טון, און ער האט נישט קיין אנדערע עצה, נאר זיך צו פארלאזן אויפן אייבערשטן, אז ער וועט העלפן - און שפעטער ווערט ער טאקע געהאלפן, איז נישט שווער צו גלייבן אז דער אייבערשטער האט אים געהאלפן. אבער דארט וואו דער מענטש קען יא טון א פעולה, וואס דעמאלט איז ער דאך טאקע מחויב צו טון א פעולה - ווי דער חובת הלבבות זאגט אין שער הבטחון, און אזוי זאגט אויך דער רבינו בחיי (פרשת שלח) אויפן פסוק (משלי כא, לא): "סוס מוכן למלחמה ולה' הישועה", אז דער מענטש דארף טון א השתדלות וואס על פי טבע קען דאס ברענגען די ישועה - און דאך זאל ער גלייבן, אז די פעולה טוט בעצם גארנישט אויף, נאר דער אייבערשטער אליינס איז דער וואס העלפט - דאס איז שוין א גרויסער נסיון, און דארט איז דער עיקר פלאץ וואו א מענטש ווערט נכשל אינעם ענין פון אמונה.

**דאס** איז דער חילוק צווישן פורים און חנוכה. פורים איז טאקע געווען א נס און מען האט געזען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, אבער עס איז נאר נתגלה געווארן אויף אן אופן וואס דער מענטש האט גארנישט געטון דערצו מיט זיינע פעולות - וואס דארטן איז אסאך גרינגער צו גלייבן אז דער אייבערשטער פירט אלעס. ווידער אבער, חנוכה האבן די חשמונאים געטון א פעולה פון מלחמה, אבער עס איז נישט געווען שייך בדרך הטבע אז מיט אזא שוואכע פעולה זאל מען קענען באזיגן די יוונים, נאר וויבאלד זיי האבן נישט געקענט טון מער השתדלות ווי די דאזיגע פעולה - האבן זיי געטון בלויז דאס וואס זיי קענען טון. און שפעטער ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן, איז דא נתגלה געווארן, אז אפילו ווען דער מענטש טוט א שטארקע פעולה פון השתדלות - איז זיין הצלחה אויך נאר פונעם אייבערשטן! און דערפאר איז נישט קיין חילוק צי ער האט געטון א שטארקע

פעולה, צי א שוואכע פעולה, ווייל די ישועה קומט סייווי נישט פון דער פעולה, נאר פונעם אייבערשטן.

**די** זעלבע זאך, איז אויך שייך ברוחניות; ווי חז"ל זאגן (מגילה ו:): "יגעתי ומצאתי תאמין", און די ספרים טייטשן, אז ווען א מענטש פלאגט זיך אין איין ענין, וועט ער טרעפן א 'מציאה בהיסח הדעת' אין א צווייטן ענין. דאס ווייזט אויך אויף דעם ענין, אז א מענטש מוז טון פעולות פון יגיעה, און נאר אזוי קען ער מצליח זיין אין עבודת ה'. וועט א מענטש מיינען, אז זיין הצלחה קומט דירעקט פון זיינע יגיעות, זאגט מען אים: ניין! דיין הצלחה וועט בכלל נישט ארויסקומען פון דיין יגיעה, נאר דו וועסט עס גאר טרעפן אין א צווייטן ענין - וואו דו האסט זיך אפילו נישט געמוטשעט.

**מען** קען אפשר זאגן, אז דאס איז טאקע דער ענין וואס מען צינדט 'למטה מעשרה טפחים'. דאס איז מרמז, אז מען ברענגט אריין אמונה אין אזעלכע נידריגע פלעצער פון 'הסתר פנים', וואו דער מענטש רעדט זיך נעבעך איין אז ער מיט זיינע פעולות טוט עפעס אויף, דערפאר צינדט מען דארט אן דעם חנוכה לעכטל וואס דאס שיינט אריין דעם אור פון די חשמונאים - אז אפילו א השתדלות וואס איז נישט מסתבר אז דאס וועט מצליח זיין, איז אויך א השתדלות - ווען מען קען נישט טון מער. און דאס ווייזט אויך, אז אפילו דארט וואו דו טוסט שטארקע פעולות - איז דיין הצלחה א נס מן השמים, און עס קומט נישט פון דיין השתדלות. און דאס איז טאקע זייער וויכטיג אין די היינטיגע דורות, וואו דער הסתר פנים איז גאר גרויס.

**און** דערפאר זאגט מען הלל בלויז חנוכה און נישט פורים. ווייל ווען אט די נקודה פון אמונה ווערט נתגלה, ווערט די התפעלות פונעם מענטש צו דאנקען - אסאך גרעסער ווי אין פאל וואס ער טוט גארנישט קיין פעולה. ווייל דא זעט ער דאך, אז אפילו דארט ווי ער טוט שטארקע פעולות, ער האנדלט און ער פארדינט, און ער האט געמיינט אז דאס קומט פון זיינע פעולות - זעט ער יעצט אז דאס איז אלעס געווען נאר פונעם אייבערשטן.

ניטאמאל אויסהערן זיינע הסברים...

מען זאגט אין על הנסים: **"להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך"**. מען ווייסט דאך אז 'חק' מיינט א מצוה וואס האט נישט קיין טעם, און 'תורה' מיינט די מצוות וואס האבן יא א טעם. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס איז ער מקדים קודם 'תורתך' איידער 'חוקי רצונך', בפשטות איז דאך גרינגער צו אפרעדן א מענטש פון א 'חק' וואס עס האט נישט קיין טעם, ווי פון א מצוה וואס האט יא א טעם? אויך דארף מען פארשטיין דעם שינוי לשון, אז ביי תורה זאגט ער 'להשכיחם' - פארגעסן, און ביי 'חוקים' זאגט ער 'להעבירם' - זיי אוועקצונעמען?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די יוונים זענען דאך געווען גרויסע חכמים אין דער קליפה, און יעדע זאך האבן זיי געקענט מסביר זיין מיט שיינע הסברים. ווען די יוונים האבן זיך געוואלט נעמען עוקר צו זיין די תורה, האבן זיי געזען, אז די מצוות וואס האבן נישט קיין טעם, דארט האבן זיי נישט וואס צו זאגן, ווייל דארט זאגט דער איד אליינס: "איך ווייס נישט קיין טעם, נאר איך טוה דאס ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן!". אבער ביי די מצוות וועלכע האבן יא א טעם, קען מען שוין אריינגיין אין ויכוחים, דארט קען מען אנהייבן מסביר צו זיין פארן איד פארקערטע טעמים, פארוואס מען דארף עס דוקא נישט טון רח"ל!

**כאטש** אינ'אמת'ן ווייסט מען דאך, אז אפילו די מצוות וואס די תורה זאגט א טעם - טאר מען עס נישט טון צוליב דעם טעם, נאר מען דארף עס טון ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן, וואס איז א בחינה פון 'חק', - אבער וויבאלד למעשה איז דא דארט א טעם, קען שוין דער יון אנקומען און מסביר זיין טעמים אויף פארקערט, און אודאי פון אנפאנג רעדט ער נאכנישט אויף 'למעשה', נאר ער פרעגט פשוט אפ דעם טעם. און שפעטער קומט ער שוין צו דורכדעם צו מעביר זיין דעם מענטש פונעם עצם המצוה, ביז ער קומט אן צו מעביר זיין דעם מענטש אויך פון די חוקים וואס האבן בכלל נישט קיין טעם.

**דערפאר** זאגט ער קודם: **"להשכיחם תורתך"** - זיי האבן געארבעט קודם אויף די מצוות וועלכע האבן יא א טעם. און זיי האבן נאכנישט גערעדט אויף למעשה, נאר בלויז 'להשכיחם', אז עס זאל זיין א 'היסח

הדעת׳ ביים איד פון זיין קלאר און זיכער אין די טעמים וואס די תורה האט געגעבן דערויף. און דערנאך זענען זיי צוגעקומען צום חלק פון די ׳חוקים׳ - סיי די מצוות וואס האבן בכלל נישט קיין טעם, און סיי דער ׳חלק המעשה׳ פון די מצוות וואס האבן יא א טעם - וואס דאס איז אויך א בחינה פון א ׳חק׳, ווייל מיר טוען דאך די מצוות צוליב ציווי השם. און דארט איז שוין געווען ׳להעבירם׳ - בפועל מעביר צו זיין אידן פון עס מקיים צו זיין.

**היינטיגע** צייטן קען מען דאס צושטעלן צום ענין פון ׳מנהגים׳ און ׳גדרים וסייגים׳, וואס דארטן איז גרינגער פארן יצר הרע אנצוהייבן. ווייל ער זאגט פארן מענטש: ״דאס איז דאך נישט אסור על פי דין, דאס איז דאך נאר א צוגעלייגטע פרומקייט, קום וועל איך דיר מסביר זיין א הסבר אז דאס פעלט נישט אויס, און אז עס מאכט נאך אפילו ערגער״. און איינמאל ער כאפט אים ביי די ׳גדרים וסייגים׳, האט ער שוין א וועג וויאזוי אריינצוגיין און אים מכשיל זיין מיט גופי עבירה ר״ל.

**און** אזוי שטייט טאקע אין מדרש (במדב״ר יט, ב): ״**אמרו לו לנחש מפני מה אתה מצוי בין הגדרות, אמר להם מפני שפרצתי גדרו של עולם**״. זאגן די ספרים פשט, אז דער נחש, וואס ער איז דאך דער יצר הרע, דרייט זיך שטענדיג ביי די ׳גדרים׳ און ׳סייגים׳ וואס דער מענטש האט זיך געמאכט. און מען פרעגט דעם יצר הרע: ״פארוואס פארלייגסטו זיך דוקא אויף די גדרים וסייגים?״. ענטפערט ער: ״ווייל דארט איז געווען מיין הצלחה ווען איך האב צוגערעדט חוה׳ן צו עסן פונעם עץ הדעת! ווייל אלעס האט זיך אנגעהויבן, דורכדעם וואס איך האב איר קודם איבערגערעדט אז זי זאל ברעכן איר אייגענעם ׳גדר׳ וואס זי האט זיך געמאכט, נישט **אנצורירן** צום בוים. און איינמאל זי האט שוין אנגערירט, האב איך איר שוין געהאט אין דער האנט און מכשיל געווען מיטן עסן פונם עץ הדעת.

**זעט** מען ווי ווייט דער כח פונעם יצר הרע איז, אז ער פאנגט אן קודם מיט א מנהג אדער א ׳סייג׳, און ער איז נאר מסביר א הסבר, ביז דער מענטש ווערט אפגעקילט דערפון, און שפעטער איז ער עובר דערויף בפועל, און אזוי גייט עס ווייטער ביז מען פאלט אריין אין זיינע הענט רחמנא ליצלן. דערפאר דארף מען זיך אפשטעלן באלד אין אנהייב און נישט אריינגיין אין קיין שום ויכוחים מיט אים.

## וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רְאוּבֵן אַל תִּשְׁפְּכוּ דָם הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל הַבּוֹר הַזֶּה אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר וְיָד אַל תִּשְׁלְחוּ בוֹ לְמַעַן הַצִּיל אֹתוֹ מִיָּדָם לַהֲשִׁיבוֹ אֶל אָבִיו.

**א)** עס איז באקאנט דער מדרש (רות רבה ה, ו): "**אילו היה ראובן יודע שהקדוש ברוך הוא מכתיב עליו וישמע ראובן ויצילהו מידם בכתפו היה מוליכו אצל אביו**" - ווען ראובן וואלט ווען געוואוסט, אז דער אייבערשטער וועט שרייבן אויף אים דעם פסוק 'וישמע ראובן ויצילהו מידם', וואלט ער ארויפגעלייגט יוסף'ן אויף דער פלייצע און אים אהיימגעטראגן צום טאטן. פרעגן שוין אלע ספרים: דער הייליגער ראובן האט דאך אודאי נישט געזוכט קיין 'פרסום', פארקערט, א צדיק זוכט דאך ווי מער צו באהאלטן יעדע זאך 'בהצנע לכת', נו פארוואס וואלט ביי אים אויסגעמאכט, דאס וואס די תורה וועט אים אויסרימען?

**ב)** עס איז באקאנט די קושיא וואס דער **קדושת לוי** (קדושה ראשונה לחנוכה) פרעגט: עס איז דאך געווען נאך אזויפיל נסים; ווי דער נס פון 'מלחמת סנחריב' און 'מלחמת סיסרא' וכדומה, און דארטן האט מען נישט געמאכט קיין יום טוב, און פארוואס פונקט דער נס פון חנוכה און פורים האבן חז"ל קובע געווען פאר א יום טוב לדורות? ענטפערט ער, אז בלויז אזא נס וואס די חכמינו ז"ל האבן געזען אז די 'הארה' דערפון וועט נתעורר ווערן יעדעס יאר נאכאמאל - דאס האט מען קובע געווען פאר א יום טוב. אבער לכאורה דארף מען דאס אליינס פארשטיין, אין וואס ווענדט זיך דאס - צי עס זאל יעדעס יאר נתעורר ווערן די 'הארה' אדער נישט?

**ג)** אין פרשת וישלח (בראשית לה, כז) שטייט אין פסוק: "**וַיָּבֹא יַעֲקֹב אֶל יִצְחָק אָבִיו וגו' וַיִּהְיוּ יְמֵי יִצְחָק מְאַת שָׁנָה וּשְׁמֹנִים שָׁנָה וַיִּגְוַע יִצְחָק וַיָּמָת וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים** " - יעקב איז אהיימגעקומען צום טאטן יצחק, און יצחק איז געשטארבן און מען האט אים באגראבן. אז מען טראכט אריין איז דאך עס ממש א פלא, יעקב אבינו איז דאך שוין נישט געווען ביי זיין טאטן פאר אזויפיל יארן, און ער איז דורכגעגאנגען אזא שווער לעבן, ער האט געהאט צוטון מיט עשו און לבן, און דא איז ער אהיימגעקומען נאך אזא

לאנגע צייט, און עס שטייט נישט קיין איין ווארט אז יצחק האט זיך נאכגעפרעגט ביי אים; ווי עס שטייט לדוגמא ביי יתרו (שמות יח, ז): **"וישאלו איש לרעהו לשלום"**. אויך שטייט נישט אז יצחק האט הנאה געהאט אז ער איז ענדליך אהיימגעקומען; ווי עס שטייט לדוגמא ביי יוסף (בראשית מה, כז): **"ותחי רוח יעקב אביהם"**. אויך שטייט נישט אז יצחק האט עפעס אנגעוואונטשן אדער מצווה געווען בעפאר זיין הסתלקות; ווי עס שטייט לדוגמא ביי יעקב (בראשית נ, ד): **"וַיְבָרֶךְ אוֹתָם אִישׁ אֲשֶׁר כְּבִרְכָתוֹ בֵּרַךְ אֹתָם וַיְצַו אוֹתָם וגו' וַיְכַל יַעֲקֹב לְצַוֹּת אֶת בָּנָיו וגו' וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו"**? און לויטן חשבון האט יצחק נאך געלעבט פאר בערך צוואנציג יאר - נאכדעם וואס יעקב איז צוריקגעקומען. נו, איז דאך זייער שווער פארוואס די תורה דערציילט אונז נישט קיין איין ווארט וואס דארט איז פארגעקומען - פון ווען יעקב איז אהיימגעקומען צום טאטן, ביז ווען יצחק איז נסתלק געווארן?

**ד)** דער אור החיים הק' (בראשית לה, כח) שטעלט זיך אויך אויף דעם פסוק פון **'ויהיו** ימי יצחק', און ער פרעגט: פארוואס שטייט נישט: **"ויחי** יצחק מאת שנה ושמונים שנה ויגוע וימת" - אזויווי עס שטייט ביי אברהם און שרה, ביי יעקב און ביי יוסף?

**ה)** אויבן אין פרשת תולדות שטייט (כז א): **"וַיְהִי כִּי זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת וגו' הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי וגו' בַּעֲבוּר תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי בְּטֶרֶם אָמוּת"**. לכאורה דארף מען פארשטיין, יצחק איז דאך דעמאלט אלט געווען הונדערט דריי און צוואנציג יאר, און ער האט נאך געלעבט נאכדעם נאך זיבן און פופציג יאר. נו, וואס איז דא געווען אז ער האט זיך גענדארפט אזוי צואיילן צו בענטשן, און נאכדערצו צו איבערזאגן אזויפיל מאל, אז ער האלט שוין אט אט ביים שטארבן?

**ו)** אין פרשת בחוקותי שטייט אין פסוק (ויקרא כו, ג): **"אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם"**. זאגט דער מדרש (ויק"ר לה, ז): **"א"ר חמא ברבי חנינא אם שמרתם את התורה הריני מעלה עליכם כאלו אתם עשיתם אותם"** - אויב עטץ היט אפ די תורה, רעכן איך אייך כאילו עטץ האט געמאכט די תורה. איז לכאורה שווער צו פארשטיין: וואס מיינט דאס אז **מיר** האבן געמאכט די תורה? און וואס איז די מעלה דערפון?

**ז)** אין פרשת אחרי, איידער די תורה הייבט אן אויסצורעכענען אלע עריות, איז די תורה מקדים (ויקרא יח, ה): **"וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חֻקֹּתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם אֲנִי ה'"**. דארף מען פארשטיין: וואו קומט אהער די הבטחה פון 'וחי בהם', אז א מענטש וועט זוכה זיין צו 'חיים' - דוקא צו דער פרשה פון עריות?

'תורה' ווערט בלויז פון 'שבירת היצר'

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער **זרע קודש** (לך לך ליקוטים ד"ה מה) **פרעגט:** פארוואס פארציילט אונז די תורה בלויז די אלע מעשיות פון די אבות הקדושים, און עס שטייט קיינמאל נישט אין דער תורה די מעשיות פון מלאך מיכאל און גבריאל, וואס דער אייבערשטער האט זיי געהייסן טון, און וויאזוי זיי האבן געפאלגט און אויסגעפירט זייער שליחות וכדומה? ענטפערט ער: 'תורה' ווערט נאר דורך 'שבירת הטבע'! און דאס איז געווען ביי די אלע מעשיות פון די אבות, וואס זייער טבע האט זיי געשלעפט צו טון אנדערש, און זיי האבן צובראכן די טבע פארן אייבערשטן און געטון רצון ה', און דערפאר איז געווארן פון דעם א תורה. אבער ביי די מלאכים, איז דאך פארקערט, זייער טבע ציהט זיי דאך צו טון דעם רצון ה', זיי קענען דאך גארנישט טון אנדערש, און דערפאר ווערט נישט דערפון קיין תורה.

אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא

**מען** קען אפשר אביסל מסביר זיין, וואס איז דער חילוק צי עס ווערט א תורה דערפון אדער נישט. נאר עס שטייט דאך (זוה"ק ח"ג עג.): **"אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא"** - די תורה איז איינס מיטן אייבערשטן. און דאס האט פארשידענע אפטייטשן:

הקב"ה איז 'נצחי' – איז תורה אויך 'נצחי

**'איינס**, אז פונקט ווי דער אייבערשטער איז א 'נצחי', אזוי איז אויך די תורה א 'נצחי'! און דאס איז דער חילוק צווישן די אלע שליחות'ן וואס דער מלאך מיכאל האט אויסגעפירט פאר דריי טויזנט יאר צוריק - וואס זיי זענען נישט געבליבן קיין 'ענין נצחי', ביז צו די אלע מעשים טובים פון די אבות הקדושים - וועלכע זענען 'חי וקים' ביזן היינטיגן טאג, וואס יעדער איד לערנט דאס אין דער תורה און עס וועט קיינמאל נישט בטל ווערן.

הקב"ה איז 'חי עולמים' – איז תורה אויך 'חי עולמים'

**צווייטנס,** אז פונקט ווי דער אייבערשטער איז דער 'מקור החיים' פון אלע עולמות, אזוי איז אויך די תורה 'מחיה' אלע עולמות! ווי דער זוהר הק' זאגט (ח"ב קסא:): **"קודשא בריך הוא אסתכל באוריתא וברא עלמא"** - דער אייבערשטער האט אריינגעקוקט אין דער תורה, און מיט דעם האט ער באשאפן די וועלט. און פונקט ווי לכתחלה איז די וועלט באשאפן געווארן מיט תורה, אזוי אויך, היינט צוטאג באקומט די וועלט חיות פון דער תורה. און דאס איז דער חילוק צווישן די אלע שליחות'ן וואס מיכאל האט אויסגעפירט - וואס דאס האט נישט געגעבן קיין 'חיות' פאר דער בריאה, ביז צו די אלע מעשים טובים פון די אבות הקדושים - וועלכע געבן 'חיות' פאר דער גאנצער בריאה עד היום הזה.

הקב"ה איז 'אין סוף' – איז תורה אויך 'אין סוף'

**דריטנס,** אז פונקט ווי דער אייבערשטער איז 'אין סוף', אזוי איז אויך די תורה 'אין סוף'! ווי מען זעט אז מען קען כסדר טרעפן נייע חידושים אין תורה, און בפרט דער ענין פון 'צירופי אותיות' וואס איז דא אין דער תורה, וואס דאס איז ממש 'אין סוף'. און דאס האט אויך שייכות מיט דער צווייטער נקודה - אז די תורה גיבט 'חיות' פאר דער גאנצער בריאה. ווייל די אלע שינוים וואס טוישן זיך כסדר אין דער וועלט - איז אלץ געוואנדן לויט וויאזוי די 'צירופי התורה' טוישן זיך, ווייל אז דער 'משפיע' טוישט זיך, טוישן זיך די 'מקבלים'. און דאס איז דער חילוק צווישן די אלע שליחות'ן וואס מיכאל האט אויסגעפירט - וואס זיי זענען נישט געווארן קיין בחינה פון 'אין סוף', ביז צו די מעשים טובים וואס די אבות הקדושים האבן געטון - וועלכע זענען געווארן אפגעשריבן אין דער תורה און איז ממש א בחינה פון 'אין סוף'.

יעדער איד מאכט נייע תורה – מיט זיין שבירת היצר

**אינ'אמת'ן** האט דאך יעדער איד א יצר הרע, און יעדער איד - לפי ערכו ובחינתו - צוברעכט דאך זיין טבע צו טון דעם אייבערשטנ'ס רצון. ממילא קען מען זאגן, אז ביי יעדן איד איז דא אזא בחינה, אז פון אלע זיינע מעשים טובים ווערט א תורה!. הגם, עס איז נישט אויף אזא בחינה וואס עס ווערט ממש אפגעשריבן א פרשה אין דער תורה, אבער דורך זיינע

מעשים מאכט ער נייע 'צירופים' אין דער תורה, און דאס גיבט א נייער חיות פאר דער בריאה און עס בלייבט א 'נצחיות'[א]. אבער דאס איז בלויז ביי א מצוה וועלכע איז אנגעקומען מיט 'שבירת היצר' - וואס דעמאלט איז עס א בחינה פון 'תורה', וואס אויף דעם זאגט די גמרא (סוטה כא.): "**תורה בין בעידנא דעסיק בה ובין בעידנא דלא עסיק בה מגנא ומצלא**" - אז אפילו בשעת ווען דער מענטש לערנט נישט יעצט, היט אים די תורה אפ, וויבאלד עס איז א 'נצחי'; ווי אויבנדערמאנט. אויב אבער ער האט געטון א מצוה וואס זיין טבע האט אים געצויגן דערצו, דעמאלט איז עס שוין ענליך צו א שליחות פון א מלאך, וואס עס ווערט נישט פון דעם קיין 'תורה', נאר עס בלייבט בלויז א 'מצוה', וואס אויף דעם זאגט דארט די גמרא: "**מצוה, בעידנא דעסיק בה מגנא ומצלא, בעידנא דלא עסיק בה אגוני מגנא אצולי לא מצלא**" - עס ראטעוועט נישט דעם מענטש שפעטער ווען ער איז שוין מער נישט עוסק דערין, ווייל דאס האט נישט אזא מין כח פון 'נצחיות' ווי תורה.

תכלית הבריאה: דוקא עבודה פון א 'כפיית היצר'

**געווענליך** נוצט מען דעם לשון 'קיום' אויף מצוות 'עשה', און דעם לשון 'שמירה' אויף מצוות 'לא תעשה'. און וויבאלד דער פסוק אין פרשת בחוקותי זאגט: "**וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ**", א לשון 'שמירה', איז פשט, אז די תורה זאגט דא צו שכר פארן זיך אפהיטן פון אן עבירה. אבער דאס איז נאר אויף אן אופן וואס דער מענטש האט געהאט א נסיון און א התגברות היצר, און ער האט צובראכן זיין יצר הרע און געטון רצון ה'; ווי די גמרא זאגט (קידושים לט:): "**ישב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כעושה מצוה וכו' כגון שבא דבר עבירה לידו וניצול הימנה**", און רש"י זאגט דארט: "**בעבירה שבא לידו 'וכפה יצרו' ולא עבר**". און דערפאר זאגט דער מדרש: "**אם שמרתם את התורה הריני מעלה עליכם כאלו אתם עשיתם אותם**" - דורכדעם וואס

---

א און אזוי שטייט אויך אין דברי חיים (זאת חנוכה מקץ ד"ה בגמ' שבת), אז דער אייבערשטער מאכט נייע צירופים אין דער תורה, יעדן דור לויטן צורך פונעם מענטש. און מיט דעם פארשטייט מען אויך, דאס וואס דער נועם אלימלך און נאך ספרים שרייבן, אז א מענטש קען דורך זיינע מצוות באשאפן 'עולמות'. ווייל דורכדעם וואס ער מאכט נייע צירופים אין תורה, ווערט דאך א נייער 'אורייתא' און מיט דעם ווערט א נייער 'ברא עלמא'.

דו וועסט צוברעכן דעם יצר הרע און היטן די תורה - וועסטו מאכן דערמיט א תורה! דיין שבירת היצר וועט מאכן נייע צירופים און גילויים אין תורה! און דאס איז דער גאנצער תכלית פארוואס מען האט אראפגעשיקט דעם מענטש אויף דער וועלט - דוקא מיט א יצר הרע; ווי דער **צמח ה' לצבי** שרייבט (פרשת יתרו): "מי שאין לו תאות המשגל לא יוכל לעבוד עילת כל העילות". ווייל מלאכים האט דער אייבערשטער געגוג, נאר ער וויל אז דוקא דער מענטש - וועלכער האט א יצר הרע - זאל אים דינען, און דורכדעם וועט ער באשאפן א נייע תורה וועלכע וועט בלייבן לנצח נצחים און געבן חיות פאר דער גאנצער בריאה.

### א צדיק קען אנקומען צו א דרגא פון 'לבי חלל בקרבי'

**עס** איז פאראן א מין מציאות וואס מען האט עס געזען ביי צדיקים, אז אויף דער עלטער זענען זיי אנגעקומען צו אזא הויכע מדרגה, אז זיי האבן שוין נישט געהאט קיין שום יצר הרע, נאר זיי זענען שוין ממש געווען ווי נישט אויף דעם עולם. ווי מען זעט פון דער מעשה, אז דער גוטער יוד פון ניישטאדט הרה"ק ר' יאסעלע זי"ע האט געוואלט פאָרן זיך באזעצן אין ארץ ישראל, האט ער געפרעגט דעם הייליגן צאנזער רב זי"ע צי ער מעג פארן, האט ער אים געענטפערט: ניין! האט דער גוטער איד געפרעגט: "רבי משה'לע לעלובער איז דאך יא געפארן?". האט אים דער צאנזער רב געענטפערט: "האַ? רבי משה'לע לעלובער איז שוין צוויי יאר פארן הסתלקות נישט געווען אויף דעם עולם!". ענליך דערצו פארציילט מען נאך אויף הרה"ק רבי אייזיקל זידיטשויב'ער זי"ע, אז אויף די עלטערע יארן האט מען אים גערעדט א שידוך, האט ער זיך אנגערופן: "זיי ווייסן נישט, אז ווען מיר האבן געהאט מענדל'ען (בנו הצעיר הרה"ק רבי מנחם מענדל זצ"ל) זענען מיר שוין לאנג נישט געווען אויף דעם עולם!". זעט מען, אז עס איז פאראן ביי צדיקים אזא מדריגה פון 'ולבי חלל בקרבי', זיי האבן שוין נישט קיין יצר הרע, נאר זיי זענען שוין א בחינה פון מלאכים קדושים.



### אן קיין יצר הרע איז ער 'נחשב כמת'

**בשעת** ווען יעקב איז געגאנגען צו לבן, וואס דאס איז שוין געווען פערצן יאר נאך די פרשה פון די 'ברכות יצחק' (ווי רש"י (בראשית כה, יז) זאגט, אז יעקב האט געלערנט פערצן יאר אין בית עבר), שטייט דארט אין פסוק

(בראשית כח יג): "**ואלהי יצחק**". זאגט דארט רש"י: **אף על פי שלא מצינו במקרא שייחד הקב"ה שמו על הצדיקים בחייהם וכו' כאן ייחד שמו על יצחק לפי שכהו עיניו וכלוא בבית והרי הוא כמת ויצר הרע פסק ממנו"** - יצחק איז שוין געווען איינגעשפארט אינדערהיים, ער האט שוין נישט געהאט קיין יצר הרע, און ער איז געווען גערעכנט ווי א 'מת'. זעט מען פון דעם, אז איינמאל א מענטש האט שוין נישט קיין יצר הרע, איז ער שוין ווי איינער וועלכער איז שוין נישט אויף דעם עולם.

לאמיר שנעל בענטשן ווילאנג איך האב נאך א יצר הרע

**בעצם** האט שוין יצחק אבינו אנגעהויבן בלינד צו ווערן זינט דער עקידה, וואס דעמאלט האבן די מלאכים אראפגעלאזט טרערן אריין אין זיינע אויגן, און עס איז כסדר געווארן ערגער און ערגער, ביז ער איז געווארן אינגאנצן א סגי נהור; ווי דער מדרש (ב"ר סה, י) פארציילט. און יצחק האט דא געוואלט, אז פון די 'ברכות' זאל ווערן א 'פרשת ויתן לך' אין דער תורה - וואס דעמאלט וועט עס זיין א 'נצחיות'דיגע ברכה'! דעמאלט וועלן די ברכות משפיע זיין 'חיות'! און דעמאלט וועט עס זיין אזא מין ברכה, א בחינה פון 'אין סוף'! אבער כדי עס זאל ווערן א תורה דערפון - מוז עס צוגיין מיט 'שבירת היצר', און דא האט יצחק געזען אז נאך אביסל וועט ער אינגאנצן פארלירן די ראיה, און ער וועט שוין נישט האבן קיין יצר הרע. דערפאר האט ער זיך צוגעאיילט צו בענטשן אזוי פרי - איבער פופציג יאר איידער זיין פטירה - וועלנדיג אריינכאפן צו בענטשן ווילאנג ער האט נאך א יצר הרע. און דערפאר האט ער איבערגעזאגט: **"לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי"**, **"בְּטֶרֶם אָמוּת"** - וואס דאס אלעס גייט ארויף אויף דער בחינה פון 'הרי הוא כמת ויצר הרע פסק ממנו'. אז ער מוז זיך צואיילן און בענטשן ווילאנג ער איז נאך א בחינה פון 'חי', אז ער האט א יצר הרע, וואס דורכדעם וועלן די ברכות ווערן א חלק פון די תורה.

פון יצחק'ס עלטערע יארן האט שוין נישט געקענט ווערן קיין תורה

**מיט** דעם קען שוין פארשטיין, פארוואס ווען יעקב איז צוריקגעקומען פון לבן פארציילט גארנישט די תורה וואס עס איז פארגעקומען צווישן יצחק און יעקב . כאטש וואס מן הסתם איז דארט געווען וואס צו פארציילן, אבער די תורה רעדט גארנישט דערפון, ווייל יצחק איז שוין דעמאלט געווען

ווי א מלאך, ער האט שוין נישט געהאט קיין יצר הרע, און דערפאר האט נישט געקענט ווערן קיין תורה פון די אלע דיבורים און מעשיות וועלכע זענען דעמאלט פארגעקומען מיט אים. און מיט דעם איז אויך פארענטפערט די קושיא פונעם אור החיים הק', פארוואס עס שטייט נישט דא '**ויחי** יצחק מאת שנה ושלשים שנה' אזוי ווי עס שטייט געווענליך. ווייל מען האט נישט געקענט שרייבן 'ויחי', וויבאלד די לעצטע פופציג יאר פון זיין לעבן האט ער נישט געהאט קיין יצר הרע, און דאס הייסט נישט געלעבט! ער איז שוין בעצם נסתלק געווארן פון א געוועגליכע? מענטשליכע חיים נאך אסאך פריער, נאר יעצט איז ער נסתלק געווארן פון איין 'בחינת מלאך' צו נאך א העכערע 'בחינת מלאך'.

### ובא השמש וזרח השמש

**די** זעלבע זאך זעט מען ביי משה רבינו, אז אין טאג פון זיין פטירה שטייט (דברים לא, ב): **"לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא"**, זאגט רש"י: "לצאת ולבוא - בדברי תורה מלמד שנסתתמו ממנו מסורות ומעיינות החכמה" - רש"י זאגט דא צוויי לשונות, עס איז געווארן פארמאכט די 'מעיינות', די קוועלער פון תורה. און אויך זאגט רש"י אז די 'מסורות' החכמה זענען געווארן פארמאכט. וואס מיינט דאס 'מסורות'? עס קען זיין אז דאס איז א לשון פון 'איבערגעבן', דאס הייסט, אז ביז היינט פלעגט פון יעדעסווארט וואס משה רבינו האט 'איבערגעגעבן' - געווארן א תורה. אבער יעצט האט ער געזען אז ער האט שוין נישט קיין שום יצר הרע, ער איז שוין אינגאנצן 'מופשט', ממילא האט ער שוין נישט געקענט מאכן קיין תורה פון זיינע דיבורים און מעשים. דערפאר האט ער מסמיך געווען יהושע'ן, אז ער זאל ווייטער מאכן תורה פון זיינע מעשים טובים; אזוי ווי עס איז טאקע געווארן א ספר יהושע.

### דוקא דורך תאוה הייסט ער 'חי'

**איידער** די תורה הייבט אן די פרשה פון עריות, וואס דאס איז דאך פון די זאכן וואס 'נפשו של אדם מתאוה להם' (רש"י דברים יב, כה), קען דאך א מענטש טראכטן: "צו וואס האט אויסגעפעלט אז מען זאל באשאפן אזא שווערן יצר הרע, און דערנאך זאל מען זיין מחויב אים צו צוברעכן?". אויף דעם זאגט די תורה: **"אלה הדברים אשר יעשה אותם האדם וחי בהם"** - דוקא דורכדעם וואס דו האסט א יצר הרע און דו ביסט זיך מתגבר אויף אים,

ווערסטו אנגערופן 'חי'! און דעמאלט וועט זיין 'אלה **הדברים** אשר **יעשה** אותם האדם' - דו וועסט מאכן 'תורה' דורכדעם! אבער ווען דו וואלסט ווען נישט געהאט קיין יצר הרע, וואלסטו געווען ווי א 'מת', און דעמאלט וואלסטו נישט געקענט מאכן קיין 'תורה' מיט דיין שמירת המצוות.

ווען ראובן וואלט געוואוסט אז זיינע מעשים מאכן א תורה...

**מיט** דעם קען מען פארשטיין דעם מדרש: "**אילו היה ראובן יודע שהקדוש ברוך הוא מכתיב עליו וישמע ראובן ויצילהו מידם בכתפו היה מוליכו אצל אביו**". ראובן איז דאך געווען צובראכן צוליב דעם חטא פון בלהה, און ער איז געווען ארומגענומען 'בשקו ותעניתו'. ממילא, איז אים געווען שווער צו גלייבן, אז דורך זיינע מעשים טובים קען ווערן געשאפן א פרשה אין דער תורה, וואס דורכדעם ווערן באשאפן נייע עולמות און די גאנצע וועלט באקומט חיות לנצח נצחים. און דערפאר האט ער נישט געהאט אזא גרויסער חשק צו טון די מצוה פון ראטעווען יוסף, ווייל דער תכלית פון א מענטש אויף דער וועלט איז דאך, צו באשאפן נייע חלקים אין תורה. אבער טאמער וואלט ראובן געוואוסט, אז אפילו בלויז זיין גוטע כונה וואס ער האט נאר 'געוואלט' ראטעווען יוסף, וועט דער אייבערשטער אפשרייבן און עס וועט ווערן דערפון א תורה - וואלט ער באקומען א געוואלדיגן חשק דערצו, און דעמאלט וואלט ער אים אויפגעהויבן און געטראגן צום טאטן, כדי צו מאכן נאך א שענערע תורה פון דעם.

חנוכה איז געקומען דורך 'שבירת היצר' – דערפאר איז עס 'נצחי'

**דאס** קען זיין פשט אינעם קדושת לוי, פארוואס דוקא דער אור פן חנוכה ווערט נתעורר יעדעס יאר - און נישט דער אור פון אנדערע נסים. ווייל ביי די אנדערע נסים, ווי סנחריב און סיסרא, טרעפט מען נישט אז עס זאל צוגיין מיט אזא ענין פון 'שבירת היצר', נאר דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט און געמאכט א נס פאר כלל ישראל. ממילא, איז עס נישט געווארן קיין תורה, און עס איז נישט 'חיי נצחיות' - אז די בריאה זאל **כסדר** באקומען אן אור דערפון. אבער ביי חנוכה, איז דאך געווען א געוואלדיגער מסירות נפש פון מתתיהו ובניו, וואס זיי האבן נישט געקענט צוקוקן דעם חילול השם וואס טוט זיך דא אפ דורך די יוונים וועלכע ווילן אלעס אויסרייסן, און האבן זיך בפועל מוסר נפש געווען - כדי צו ראטעווען די

תורה. און פון אזא מסירת נפש - איז געווארן א תורה! עס איז געווארן א הלכות חנוכה אויף דער וועלט, וואס דער אור פון חנוכה איז א 'נצחיות', עס ווערט נתעורר יעדעס יאר נאכאמאל און עס איז מחיה אלע עולמות מיט א געוואלדיגן אור.

## שיחות וסיפורים - ממה שהשמיע בישבו מול פני המנורה במשך השנים

### אפילו א מסור שיינט ביים צינדן חנוכה לעכט...

**עס** איז אמאל געווען א איד א מסור, וואס ער פלעגט אנטון צרות פאר אידן ל"ע. האט מען מזכיר געווען ביים חוזה פון לובלין זצ"ל ביי די חנוכה לעכט, אז מען זאל פטור ווערן פון אים. רופט זיך אן דער רבי פון לובלין: "ער? ער לייכט דאך!". מען האט נישט פארשטאנען וויאזוי קען דאס זיין. איז מען געגאנגען פרעגן די תלמידים פשט דערין. האבן זיי געזאגט: "דער מסור האט דעמאלט געצינדן חנוכה לעכט, און ווען א איד טוט א מצוה, יהיה איך שיהיה - לייכט ער! און דערפאר האט דער רבי געזען נאר דעם חלק האור פון דעם איד!".

### א צושריי פון התלהבות

**דער** טאטע זצ"ל איז געווען ביים קאלאשיצער רב זצ"ל ביי די חנוכה לעכט, און דער קאלאשיצער רב איז אזוי געזעסן און זיך געשאקלט מיט א התהלבות. מיטאמאל גיבט זיך דער קאלאשיצער רב א צושריי: "געוואלד". אבער ער האט זיך גלייך געגעבן א כאפ צוריק, און ער האט דאס געוואלט פארוואסערן, גיבט ער זיך א דריי אויס צום טאטן: "ווען גייט אייער צוג (באן) צוריק קיין לאנצהוט?"...

### געזען דעם ביטערן קריג אין די חנוכה לעכט

**די** לעצטע חנוכה פון פארן קריג (תרצ"ט לפ"ק), איז דער קאלאשיצער רב זצ"ל געשטאנען ביי די לעכט, ער האט זיך געשאקלט און שטארק אריינגעקוקט אין די לעכט, און ער איז געווארן בלאסער און בלאסער, ביז ער האט גע'חלש'ט. ער האט געזען אלץ וואס דא קומט נעבעך. דער זיידע רבי איציקל צפת'ער זצ"ל האט געזאגט: "צו זען אין די חנוכה לעכט וואס וועט זיך טון א גאנץ יאר, איז נישט קיין גרויסע זאך און מען דארף נישט זיין אזא בעל מדרגה. מען דארף **נאר** האבן ריינע אויגן".

**מען** קען אפשר צולייגן, אז דער עיקר מעלה פון זען וואס עס וועט זיין א גאנץ יאר, איז אז מען איז מתפלל מבטל צו זיין די גזרות, ווייל סתם צו

זען און וויסן פון פאראויס אז עס וועט קומען שווערע זמנים, איז דאך גארנישט קיין אויפטוה! עס איז דאך שוין בעסער נישט צו וויסן. נאר דער עיקר איז, אז מען פועל'ט אויס ישועות אויף דאס וואס מען זעט.

### אנגעגרייט קנייטלעך מיט בכיות

**הרה"ח** ר' שמעון'לע לאנדא ז"ל האט מיר פארציילט, וויאזוי דער פעטער הרה"ק רבי חנה הערש זצ"ל פלעגט אנגרייטן די קנייטלעך פאר די חנוכה לעכט: בשעת ער האט צוזאמגעדרייט די קנייטלעך האט ער זיך אונטערגעזינגען מיטן שינאווער ניגון אויף 'שלום עליכם': "הייליגער באשעפער פון אלע וועלטן, הייליגער באשעפער פון אלע וועלטן", און אזוי האט ער דאס איבערגע'חזר'ט און איבערגעזינגען נאכאמאל און נאכאמאל, ווען דערביי האט ער פארגאסן טייכן טרערן.

### רבי איציקל'ס זיצן ביי די לעכט

**איך** האב אמאל געוואלט גיין צו די חנוכה לעכט פון הרה"ק רבי איציקל זצ"ל פון פשעווארסק. און ער האט געוואוסט אז איך בין אונטערוועגענס, האט ער - צוליב זיין אהבת ישראל - געווארט זייער לאנג, און כסדר זיך געפרעגט ביי די ארומיגע ווען איך דארף אנצוקומען. אבער למעשה האב איך פארשפעטיגט און איך בין אנגעקומען ממש תיכף נאך די ברכה. און איך האב מיך אנטשולדיגט פארן שפעטיגן. האט ער בענוות קדשו מיר געזאגט: "דו האסט גארנישט פארפאסט!". עס איז געווען וואס צו זען, ער איז זיך געזעסן אזוי מיט די ראזשעוואלקע און זיך געשאקלט און געקוקט אויף די חנוכה לעכט, עס איז געווען כל מיני מטעמים דאס צו זען.

### די בכיות ביי די 'תמניא אפי'

**איך** געדענק רבי יאנקעלע זצ"ל בשעת'ן זאגן די תמניא אפי ביי די חנוכה לעכט. געווענליך איז ער נישט געווען קיין בעל בכי, אבער עס איז געקומען צו די תמניא אפי, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, ער האט אויסגעפלאצט אין בכיות נוראות. דער קאלאשיצער רב זצ"ל האט דאס אויך געזינגען מיט אזא מין פלאקער און פייער, אין לשער.

### ברכה אחרונה אויף די נרות חנוכה

**איך** האב געהערט פון אן איש מהימן וואס איז געווען דארט בשעת מעשה, אז הרה"ק רבי יאנקעלע זצ"ל האט אמאל נאך די חנוכה לעכט געפרעגט: "וואספארא נאך-ברכה מאכט מען אויף די חנוכה לעכט?". איינע פון די גבאים האט זיך דערשראקן, ווי כאילו ער מיינט צו זאגן, אז דאס איז זיין לעצטע לעכט צינדן, האט יענער געענטפערט: "דער רבי וועט מארגן אויך צינדן חנוכה לעכט!". אבער ער האט נאכאמאל איבערגעפרעגט: "וואספארא נאך-ברכה מאכט מען אויף די חנוכה לעכט?". און צומארגנס איז ער פארקילט געווארן און עטליכע חדשים שפעטער איז ער שוין נישט געזונט געווארן, און ער האט שוין טאקע מער נישט געצינדן ברבים!.

### זאלן זיי וואויוועגען ביי די חנוכה לעכט...

**מען** איז אמאל געקומען צו הרה"ק דער ציעשנוב'ער רב זצ"ל, מזכיר זיין אויף א געוויסע שטאט וואו די יונגווארג האלטן זיך נישט ביי אידישקייט ל"ע. האט ער געפרעגט: "זיי וואויוועגען[א] ביי די חנוכה לעכט?", האט מען אים געענטפערט: ניין! האט ער געזאגט: "זאל מען זען, אז זיי זאלן יא וואויוועגען ביי די חנוכה לעכט, וועלן זיי בלייבן ערליך!".

---

א עס איז געווען דער מנהג ביי צדיקים, אז בשעת ווען דער שמש האט געצינדן חנוכה לעכט אין בית המדרש, פלעגן די קינדער 'וואויוועגען' (-ווארפן האנטוכער אויפן שמש) און מאכן פריילין.

ביים רבי'ן זצ"ל אין בית המדרש איז געווען אמאל איינער א פשוט'ער איד אן קיין גרויסע השגות, און ער האט אנגעשריגן די קינדער וועלכע האבן געוואויוועט, אז זיי זאלן אוועקגיין פון דארט און לאזן דעם שמש צינדן געהעריג. אבער דער רבי איז צוגעקומען צו אים און אים באַרויגט, זאגנדיג: "דאס איז דער מנהג". האט זיך יענער אנגערופן: "דאס איז א מנהג וואס איז קעגן דעם דין", מיינענדיג צו זאגן, אז ווייבאלד מען לעשט אים אויס דעם שמש לעכטל, ווערט א הפסק נאך די ברכה. האט אים דער רבי געזאגט: "**איר זאגט זייער גוט, דאס איז א מנהג וואס איז מבטל דעם דין**!" (עס איז מבטל די דינים למעלה).